STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04379

EZRA--HA-SOFER

Israel Schur

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ישראל שור.

עזרא־הסופר

לויט תנ"ך, תלמודים און מדרשים.

תרצ"א
1931

דעם אָנדיינקען פון מיין פאָטער
רבי דוב-בער שור ז״ל

קאַפּיטל א.

עזרא הסופר.

דאָס אופטרעטן פון עזרא=הסופר אויף די סצענע פון אונזער פאָלקס=געשיכטע איז דער אָנפאַנג פון דער וויכטיקסטער עפּאָכע אין יודנטום, וואָס אירע רעזולטאַטן פילן מיר נאָך ביז היינטיקן טאָג. און פונקט ווי דער תנ"ך וואָלט וועלן באַטאָנען, אַז די נייע עפּאָכע איז פון אַ גאַנץ באַזונדערער באַדייטונג און איז איינג פאַרעונדן מיט דער פּערזאָן פון עזרא=הסופר, שרייבט ער זיין נאָמען מיט דעם אַראַמייאישן „א" און ניט מיט דעם העברייאישן „ה", ווי מיר געפינען עס ביי די נביאים און אויך ביי נחמיה.

קיינער צווייפלט ניט אין דעם אַז עזרא איז אַ היסטאָרישע פּערזאָן, עס איז פעסטגעשטעלט אַז ער האָט געלעבט אין דער צייט פון דעם פּערסישן מלך ארתחשסתא, וועלכער איז אין דער וועלט=געשיכטע באַקאַנט מיטן נאָמען „אַרטאַקסערקסעס לאָנגאָמאַנוס" און האָט רעגירט אין דער גרויסער פּערסישער מלוכה אין די יאָרן 465—425, אין דער פּערסישער שפּראַך הייסט דער דאָזיקער מלך „אַרטאַכשאַשטאַ", וואָס שטימט כמעט אין גאַנצן מיט זיין נאָמען אין תנ"ך.

פון ספר עזרא ווייסן מיר גאַנץ פּינקטלעך דאָס יאָר, אין וועלכן עזרא האָט אָנגעפאַנגען זיין גרויסע אַרבעט, ווי אויך זיין גאַנצן יחוס=בריוו; אָבער עס ווערט אונז גאָרניט דערציילט וועגן דעם ווען ער איז געבאָרן געוואָרן, ווי לאַנג ער האָט געלעבט, ווען ער איז געשטאָרבן און וואו מען האָט אים מקבר געווען —

א פאַל, וועלכן מיר באַגעגנען אַזוי אָפט אין תנ"ך ;זען מען רעדט וועגן די גרויסע גייסטיקע פירער פון אונזער פאָלק.

פון דעם זעלביקן ספר עזרא ווייסן מיר, אַז עזרא האָט געלעבט אין בבל, אַז ער איז געווען דער 17=טער דור פון אהרן=הכהן, 1) אַז ער איז געווען באַקאַנט פאַר א „סופר=מהיר" און אַז דער פּערסישער מלך האָט געהאַט פאַר אים גרויס אָפּ=שיין, עס ווערט אויך דערציילט, אַז אין 7=טן יאָר פון ארתחשסתא'ס מלוכה איז עזרא אַוועקגעגאַנגען קיין ארץ=ישראל, און דערביי האָט דער מלך אים געגעבן א בריוו אין וועלכן ער רופט אים אָן מיט דעם טיטל „כהנא ספר דתא די אלה שמיא", 2) ד. ה. „עזרא דער כהן און שרייבער פון דעם געזעץ פון גאָט אין הימל". אליעזר=בן=יהודה גלויבט, אַז פון די פולמאַכטן און די מיטלען וואָס עזרא האָט באַקומען פון פּערסישן מלך קאָן מען זען אז ער איז געווען א מין „חכם באשי" ווי מיר האָבן עס געהאַט אין דער טערקישער מלוכה, 3) צי האָט בן=יהודה רעכט אָדער ניט, וועלן מיר זען שפּעטער. פון תלמוד און פון די מדרשים קאָנען מיר זען, אַז עזרא איז געווען באַרימט נאָר דער=פאַר, וואָס ער איז געווען דער גרעסטער קענער פון דער תורה אין זיין צייט און דער גענויסטער אין דעם ריכטיקן טעקסט, דערפאַר באַמאָנען רבי זעירא און רבי חננאל אין נאָמען פון רבי: אפילו אָדם רגיל בתורה כעזרא לא יהא קורא מפיו וכותב", 4) ד. ה.: „אויך א מענטש איז געניט אין דער תורה ווי עזרא, טאָר מען ניט לייענען אויסווייניק און שרייבן", ווייל מען קען האָבן א טעות, ווען אפילו עזרא האָט קיין טעותן ניט געהאַט.

דער הלמוד און די מדרשים באַשעפטיקן זיך זייער פיל

---

1) עזרא, פרק ז" פסוק א"—ה".
2) " " " י"ב.
3) אליעזר=בן=יהודה: «עד אימתו דברו עברית», תרע"ט.
4) בראשית—רבה, פרק ל"ו.

ניט נאָר מיט די באַרימטע „תקנות“, אָדער ווי מיר זאָגן יעצט „רעפאָרמעס“, נאָר אויך מיט דער פערזאָן פון עזרא הסופר, און ווי געוואָנלעך איבערטרייבן זיי אַביסל. אזוי צ. ב. זאָגט דער תלמוד, אַז דער אונבאַקאַנטער נביא, וועלכער האָט געשריבן דעם ספר „מלאכי“ איז געווען עזרא 5). לויט דער מיינונג פון י. קלויזנער איז דער „מלאך הברית“6) וועגן וועלכן דער אונבאַקאַנטער נביא רעדט, טאַקע עזרא=הסופר, 7) אָבער אַז עזרא זאָל האָבן געשריבן „מלאכי“ וועגן דעם קאָן גאָר קיין רייד ניט זיין. אויסערדעם דערציילט דער תלמוד, אַז עזרא איז געווען דער תלמיד פון ברוך=בן=נריה, דעם באַרימטן סעקרעטאַר פון ירמיהו=הנביא8) די דאָזיקע מיינונג פון רב, אָדער ווי אַנדערע זאָגן, פון רב שמואל=בר=מרתא, איז אונמעגלעך אַריינצופאַסן אין די כראָנאָלאָגיע פון דער צייט אין וועלכער עזרא האָט געלעבט, ווייל ברוך=בן=נריה האָט געלעבט אַרום 100 יאָר פריער: אויסערדעם ווייסן מיר, אַז ברוך=בן=נריה איז נאָך דעם חורבן=בית=ראשון אַוועק קיין מצרים און ניט קיין בבל.

לויט דער מיינונג פון רבי יוסי שטייט עזרא אויף דערזעלביקער מדרגה ווי משה=רבינו און די תורה וואָלט געגעבן געוואָרן דורך עזרא ווען משה=רבינו וואָלט זי שוין ניט געהאַט באַקומען פיל פריער9). די חכמים זאָגן אַז די אידן, וועלכע האָבן געלעבט אין דער צייט פון עזרא זיינען ווערט געווען אַז זיי זאָלן דערלעבן די זעלביקע נסים ווי אין דער צייט פון יהושע=בן=נון, נאָר דער „חטא“ האָט עס ניט צוגעלאָזן10). די דאָזיקע מיינונג פון די חכמים באַווייזט אונז, אַז ניט אַלע האָבן געוואָגט אַוועק=

5) מגילה=בבלי, דף ט"ו, עמוד א'.
6) מלאכי, פרק ג' פסוק א'.
7) י. קלויזנער: «הרעיון המשיחי בישראל», תרפ"ז.
8) מגילה=נבלי, דף ט"ז, עמוד ב'.
9) סנהדרין=בבלי, דף כ"א, עמוד ב'.
10) ברכות=בבלי, דף ד' עמוד א'.

צושטעלן עזרא און משה אויף די זעלביקע מדרגה און זיי באַ־גנוגענען זיך דערמיט וואָס זיי פאַרגלייכן זיין צייט צו דער צייט פון יהושע, וועלכער איז געשטאַנען צו דער פּעריאָן פון משה־רבינו ווי די לבנה שטייט צו דער זון. 11) אָבער ווי עס ווייזט אויס, איז די מיינונג פון רבי יוסי, וועלכער האָט, ווי מיר וועלן זען ווייטער, אַ גוטן היסטאָרישן גרונד פאַר זיך, געווען מער אָנגענומען און דערפאַר געפינען מיר אויך, אַז דער גרעסטער טייל פון די חכמים האַלט זיך צו איר. אַזוי צ. ב. ווערט געזאָגט, אַז ווען אהרן־הכהן וואָלט געלעבט אין דער צייט צון עזרא, וואָלט עזרא געווען גרעסער,12) און דערפאַר האָט עזרא געטאָרט אויסריידן דעם „שם המפורש" אַפילו ניט אין בית־המקדש. אין דער צייט ווען אהרן הכהן האָט עס געטאָרט טאָן נאָר אין אהל־מועד. 13) אין דער צייט פון עזרא האָט מען נעבראַכט די „מלואים", ד. ה. די זעלביקע קרבנות, וואָס מען האָט געבראַכט אין דער צייט פון משה־רבינו ווען אהרן־הכהן און זיינע זיהן זיינען אויסגעקליבן געוואָרן פאַר כהנים, 14) עזרא־הסופר האָט זוכה געווען צו פאַרברענגען די „פרה־אדומה" ד. ה. „די רויטע קוה", וואָס איז ניט געשען אין ארץ־ישראל די גאַנצע צייט פון משה־רבינו ביז צום חורבן־בית־ראשון15). נאָר אין איין פונקט מאַכט דער תלמוד אַ אונטערשייד צווישן דער צייט פון משה־רבינו און דער צייט פון עזרא־הסופר: די שכינה איז ניט געווען אין צווייטן בית־המקדש. 16) די דאָזיקע מיינונג איז אָבער ניט אַזוי וויכטיק, ווייל די פראַגע וועגן די שכינה'ס ארונטערקומען אַף דער ערד איז ניט באַשטימט בײַ די חכמים. לויט דער מיינונג.

11) בבא־בתרא־בבלי, דף ע"ה, עמוד א'.
12) קהלת־רבה.
13) יומא־בבלי, דף ס"ט עמוד ב'.
14) מנחות־בבלי, דף מ"ה עמוד א'.
15) פרה, פרק ג' משנה ג'.
16) יומא־בבלי. דף ט' עמוד ב'.

פון רבי יוסי איז די שכינה איבערהויפט קיינמאל ניט ארונטערגעקומען אויף דער ערד, פונקט אזוי ווי משה־רבנו און אליהו־הנביא זיינען קיינמאל ניט ארויף אויפן הימל[17], אבער לויט א אנדער מיינונג קאן די שכינה זיין אומעטום[18], איבערהויפט אין ארץ־ישראל.[19].

דער פאל אז די תלמידי־חכמים פאגלייכן עזרא צו משה׳ן באווייזט אונז ווי הויך זיי האבן געשעצט זיין באדייטונג פאר דאס יודנטום און זיי האבן אופגעפאסט זיין עפאכע פאר פונקט אזא וויכטיקע ווי די עפאכע פון משה־רבנו. אין תנ״ך גופא, וואו עס ווערט וועגן אזא פארגלייך ניט גערעדט, געפינען מיר איין פאל, וואס איז זייער אינטערעסאנט: ווען מיר פארגלייכן די ספרים „דברים״ און „עזרא״ זעהען מיר, אז אין ביידע זיינען א טייל פרקים געשריבן אין דער ערשטער און א טייל אין דער דריטער פערזאן. און אין די פרקים וואו עזרא רעט וועגן זיך איז דער טאן זייער ענלעך צו די פרקים וואו משה־רבנו רעט וועגן זיך אין ספר דברים.

קאפיטל ב.

עזרא׳ס רייזע.

דער ערשטער פרק אין ספר עזרא פאנגט זיך אן מיט דער בארימטער „דעקלאראציע״ פון כרש מלך פרס, וועלכער האט דערלויבט די אידן אין גלות־בבל זיי זאלן זיך צוריקקערן קיין ארץ־ישראל, ווען מיר לייענען דורך די ליסטע פון די פערזאנען, וועלכע האבן זיך אנגעשלאסן צו זרבבל׳ן, געפינען מיר אז דער נאמען פון עזרא־הסופר איז דארטן נימא; ערשט אין 78

17) סוכות־בבלי, דף ה׳ עמוד א׳.
18) בבא־בתרא־בבלי, דף כ״ה, עמוד א׳
19) במדבר־רבה פרק ז׳.

יאָר אַרום מאַכט עזרא זיין באַרימטע רייזע: לויט דער טראַדיציע האָט עזרא געלעבט 120 יאָר; ווי ווייט די דאָזיקע טראַדיציע איז ריכטיק קאָנען מיר ניט וויסן; גיכער ווי אַלץ איז זי פאַרבונדן מיט דעם ווילן אויך אין דעם פונקט צו פאַרגלייכן עזרא מיט משה=רבנו, וועלכער האָט, ווי די תורה דערציילט אונז, געלעבט 120 יאָר. עס איז אָבער זיכער, אַז אין דער צייט פון זרבבל האָט עזרא שוין געלעבט, און דערפאַר מוזן מיר ניט ווילנדיק אונז שטעלן די פראַגע פאַרוואָס איז עזרא ניט מיטגעגאַנגען מיט זרבבל'ן? אמת טאַקע מיר וויסן פון תנ"ך: אַז דער גרעסטער טייל פון די אידן אין גלות=בבל האָט זיך ווייניקוואָס געקימערט וועגן כּרש=עס דעקלאַראַציע און זיי האָבן יוצא געווען זייער נאַציאָנאַלן חוב דערמיט וואָס זיי האָבן געגעבן גרויסע הילף די „עולים“, מיר קאָנען לייכט פאַרשטיין, אַז דאָס זיינען געווען מענטשן, וואָס זייערע פּריוואַטע אינטערעסן זיינען בּיי זיי געשטאַנען העכער ווי די נאַציאָנאַלע. אָבער עזרא=הסופר, פאַר וועלכן די דערפילונג פון די געזעצן וואָס זיינען פאַרבונדן נאָר מיט ארץ=ישראל, די „מצות התלויות בארץ“, זיינען געווען אַזוי טייער, פאַרוואָס האָט ער זיך ניט גערירט פון אָרט אין אַזא גרויסן היסטאָרישן מאָמענט?

די דאָזיקע פראַגע איז שוין דערפאַר אינטערעסאַנט פאַר אונז ווייל אויך די חכמי=התלמוד באַשעפטיקן זיך מיט איר, אָבער ווי געוואָנליך פאַרענטפערן זיי זי אויף זייער אופן, וואָס האַלט ניט אַלעמאָל אויס די קריטיק. אַזוי צ. ב. זאָגט רב, אָדער ווי אַנדערע זאָגן, רב שמואל=בר=מרתא, אַז לערנען תורה איז וויכטיקער ווי בויען דעם בית=המקדש און אַזוי לאַנג ווי ברוך=בן=גריה, עזרא'ס רבי, האָט געלעבט, האָט עזרא ניט געוואָלט פאַרלאָזן זיין רבי'ן[1]. אָבער ווי איך האָב שוין געזאָגט, האָט עזרא גאָרניט וואָס צו טאָן מיט ברוך=בן=גריה.

1) מגילה=בבלי, דף ט"ז עמוד ב".

רבי אלעזר זאָגט, אז עזרא האָט זיך ניט געוואָלט רירן פון בבל ביז וואַנעט „ער האָט זי ריין געמאַכט ווי דאָס ריינסטע וויצנמעל”, 2) דערמיט מיינט דער תלמוד, אז עזרא האָט אויסגעריניקט די אידישע געזעלשאַפט אין בבל פון אַלע פרעמדע עלעמענטן און האָט פעסטגעשטעלט דעם יחוס פון יעדער משפחה. אָבער אויך די דאָזיקע מיינונג האָט ניט קיין היסטאָרישן גרונד צוליב פאָלגנדע טעמים: א) אין עזרא 3) און נחמיה 4) ווערט אונז דערציילט נאָר פון 5 משפחות, וואָס האָבן ניט געקאָנט אויפווייזן זייער „ספר היחוס”, אָבער דאָס איז געווען ניט אין דער צייט פון עזרא-נחמיה, נאָר אין דער צייט פון זרבבלן; ב) אין ספר עזרא ווערט אונז דערציילט, אז ווען עז־א, גייענדיק קיין ארץ-ישראל, האָט זיך געכאַפּט אז ער האָט ניט מיט זיך קיין לוים, האָט ער אַרונטערגעפאָדערט אַרום 40 לוים פון לאַנד „כספיא”; 5) דאָס לאַנד „כספיא” איז געווען א פאַרוואָרפענער ווינקל אין דער גרויסער פערסישער מלוכה און איז געלעגן ערגעץ וואו ביים קאַספישן ים, 6) גאַנץ ווייט פון דעם צענטרום וואו עזרא האָט געלעבט און מיר קאָנען אונז לייכט פאָרשטעלן אז עזרא האָט אין דעם מאָמענט געהאַט פיל וויכטיקערע זאַכן ווי צו אונטערזוכן דעם „ספר-היחוס” פון אָט די 40 לוים; ג) אין גאַנץ ספר עזרא ווערט ניט דערמאָנט אז עזרא האָט זיך איבערהויפּט באַשעפטיקט מיט „ריינמאַכן” די געזעלשאַפט, ד) דאָס וואָס דער ספר עזרא דערמאָנט עס ניט איז אויך גאַנץ פאַרשטענדלעך, ווייל ווי מיר ווייסן, האָבן די אידן אין גלות-בבל געלעבט פאַר זיך און פלעגן חתונה האָבן נאָר צווישן זיך. 7)

א בעסערע תשובה געפינען מיר אין מדרש, וועלכער

2) קידושין-בבלי דף ס"ט עמוד ב".
3) עזרא, פרק ב", פסוקים נ"—ס"ג.
4) נחמיה, פרק ז", פסוקים ס"א—ס"ג.
5) עזרא, פרק ח", פסוקים ט"ו—י"ט.
6) יעקב לוי: "אוצר לשון התלמודים והמדרשים" תרפ"ד.
7) גרעץ: „געשיכטע דער יודען" II.

זאָגט: „עזרא וסיעתו והבורתו, ד. ה. זיין שולע און זיין געזעל־שאַפט, זיינען דאַסמאָל (אין דער צייט פון זרבבל) ניט מיטגע־גאַנגען. פאַרוואָס איז עזרא ניט מיטגעגאַנגען? ווייל עזרא האָט געמוזט קריגן פאַר זיך קלאָר די תורה ביי זיין רבי'ן ברוך־בן־נריה'. האָט דאָך ברוך־בן־נריה אויך געקאָנט מיטקומען! אָבער ברוך־בן־נריה איז געווען אַ גרויסער און אַלטער מאַן, וועלכער האָט ניט געקאָנט פאָרן אפילו אין אַ „גלקטיקא" (אַ קליינעם באַקוועמען וואָגן); ריש־לקיש אָבער זאָגט, אַז צוליב די הייליקייט פון בית־המקדש האָט עזרא ניט געקאָנט מיטגיין, ווייל ווען עזרא וואָלט דאַסמאָל מיטגעקומען, וואָלט דער שטן געקאָנט מקטרג זיין און זאָגן, אַז ניט יהושע־בן־יהוצדק, נאָר עזרא זאָל ווערן אַ כהן־גדול; אָבער יהושע איז דאָך געווען אַ כהן־גדול'ס אַ זוהן און דער צייט ווען עזרא, וועלכער איז אפילו געווען אַ צדיק, איז דאָך ניט געווען ווערט צו זיין אַ כהן־גדול. 8)

דער דאָזיקער מדרש איז ווערט מיר זאָלן זיך צו אים צוקוקן אַ ביסל נעהענטער. די מיינונג וועגן די באַציהונגען צווישן ברוך־בן־נריה און עזרא־הסופר האָט, ווי שוין געזאָגט, קיין היס־טאָרישן ווערט ניט. פונקט אַזוי ניט ריכטיק איז די מיינונג, אַז עזרא האָט ניט געקאָנט זיין קיין כהן־גדול, ווייל ער האָט דאָך גע־שטאַמט פון אהרן־הכהן און זיין פאָטער און זיידע זיינען געווען כהנים־גדולים ביים בית־ראשון; וויכטיק אָבער זיינען די ווערטער פון ריש־לקיש, פון וועלכע מיר קאָנען פאַרשטיין, אַז עזרא האָט זיך געהיט פאַר דעם „שטן" פון מחלוקות און איז געבליבן זיצן אין בבל, ווייל ערשטענס האָט ער ניט געוואָלט אויפטרעטן פאַר אַ קאָנקורענט פון יהושע־בן־יהוצדק וועגן די כהונה־גדולה, און צווייטנס האָט ער געהאָפט, אַז יהושע־בן־יהוצדק און די אַנדערע כהנים וועלן ניט גיין אין די וועגן וואָס עס זיינען געגאַנגען די כהנים פאַר דעם חורבן־בית־ראשון. אָבער עזרא האָט געהאַט אַ

8) שיר־השירים־רבה. „קמתי".

טעות, און דעם דאָזיקן טעות קאָנען מיר זען ווען מיר לייענען די געשיכטע פון דעם „שטן" אין ספר זכריה און ווי זי ווערט דערקלערט אין תלמוד און אין מדרש.

אין ספר זכריה דערציילט דער נביא פאָלגנדע דערציילונג: „און גאָט האָט מיר באַוויזן יהושע דעם כהן=גדול שטייט פאַר דעם מלך פון גאָט און דער שטן שטייט בײַ זײַן רעכטער זײַט אום אויף אים אָנצורײדן, און גאָט האָט געזאָגט צום שטן: עס וועט אָנשרײַען אויף דיר גאָט, דו שטן, עס וועט אָנשרײַען אויף דיר דער, וועלכער וואוילט אויס ירושלים; דאָס איז דאָך אַ שטיקל האָלץ, וואָס איז געראַטעוועט געוואָרן פון פײַער. און יהושע איז געווען אָנגעטאָן אין שמוציגע קליידער און ער שטייט פאַר דעם מלאך. און ער (דער מלאך) האָט געענטפערט און געזאָגט צו די וועלכע זײַנען געשטאַנען אַרום אים: נעמט אַרונטער די שמוציגע קליידער פון אים! און ער (דער מלאך) האָט געזאָגט צו אים (צו יהושע=בן=יהוצדק): זע, איך האָב אַרונטערגענומען פון דיר דײַן זינד און מען האָט דיר אָנגעטאָן שיינע קליידער[9].

מיט דעם דאָזיקן מיסטישן פרק אין ספר זכריה באַשעפטיגן זיך סײַ אידישע און סײַ ניט=אידישע מפרשים פון תנ"ך, און דערפאַר איז עס ניט מײַן זאַך צו באַהאַנדלען אים פון מיסטישן שטאַנדפּונקט. מיך אינטערעסירט נאָר די פראַגע וועגן די „שמוציגע קליידער" פון יהושע=בן=יהוצדק דעם כהן=גדול און דערפאַר דאַרפן מיר אַ קוק טאָן וואָס זאָגט דערצו דער תלמוד. און ער טאַקע גיט אונז אַ ריכטיקע דערקלערונג, וואָס האָט איר גרונד אין די ספרים עזרא און נחמיה.

דער תלמוד דערציילט אַז ווען חנניה, מישאל און עזריה זײַנען אַרויסגעקומען פון דעם ברענענדיקן קאַלכאויוון, זײַנען אויך זייערע קליידער געווען גאַנץ. אָבער ווען מען האָט דערנאָך אַרײַנגעוואָרפן יהושע=בן=יהוצדק אין דעם זעלביקן אויוון איז ער

---

9) זכריה, פרק ג', פסוקים א'—ד'.

טאַקע אַרויס אַ גאַנצער, אָבער זיינע קליידער זיינען געווען פאַרסמאַלעט. דאָ שטעלט זיך דער תּלמוד די פראַגע פאַר וואָס האָט זיך מיט יהושע'ן געטראָפן אַזאַ מעשה? ענטפערט אויף דעם רב פפּא, אַז יהושע איז באַשטראָפט געוואָרן דערפאַר, ווייל ער האָט צוגעלאָזן אַז זיינע זיהן זאָלן נעמען ווייבער, וועלכע האָבן ניט געפּאַסט פאַר זיין משפּחה א'ן מיט די „שמוציגע קליידער" ווערט געמיינט דער שמוץ, וואָס ער האָט צוגעלאָזן אין זיין הויז[10].

ווען מיר נעמען די דערציילונג פון זכריה, דעם אויבן דערמאָנטן מדרש און די ווערטער פון רב פפּא דערהאַלטן מיר אַ קלאָרע פאָרשטעלונג וועגן די פאַרהעלטעניסן פון יענער צייט.

אין גלות־בבל האָבן יהושע־בן־יהוצדק און עזרא־הסופר געשפּילט צוויי באַזונדערע ראָלעס: יהושע איז באַטראַכט געוואָרן פאַר דעם עלטערן פּרעטענדענט אויף דעם פּלאַץ פון אַ כּהן־גדול, עזרא אָבער איז געווען דער גייסטיגער פירער. ווען מיר לייענען די דעקלאַראַציע פון כּרש מלך פּרס געפינען מיר אַז דער מיטעלפּונקט פון דער דעקלאַראַציע איז געווען דער אויפבוי פון בית־המקדש, און דערפאַר איז עס אויך געווען גאַנץ קלאָר, אַז אין דער שפּיץ פון די מענטשן, וועלכע זיינען דאַמאָלס אַוועק קיין ארץ־ישראל, האָט זיך געשטעלט יהושע. עזרא אָבער איז געבליבן צוריק אין גלות צוליב דריי סבּות: ערשטנס האָט ער געוואָלט אויסמיידן מחלוקות, צווייטנס האָט זיך דער גלות גענויטיקט אין אים, און דריטנס האָט ער געהאָפט, אַז יהושע־בן־יהוצדק איז די ריכטיקע פּערזאָן צו פירן דעם נייעם ישוב אין ארץ־ישראל, ווי מיר ווייסן אָבער האָט ער געהאַט אַ טעות.

עס איז קיין שום ספק ניט אַז אין דער זרבבל־עליה האָבן זיך געפונען מענטשן, וועלכע האָבן גוט געקענט עזרא און זיינען געווען טרייע אָנהייגער פון דעם דאָזיקן גרויסן און מאָראַליש־ריינעם מאַן. קומענדיק קיין ארץ־ישראל האָבן די דאָזיקע מענטשן

10) סנהדרין־בבלי, דף א"ג, עמוד א'.

אין אַ קורצער צייט אַרום דערזען, אַז ד׳ האָפענונגען אויף ד כהנים זיינען געווען אומזיסטע; די קליידער פון דעם כהן=גדול זיינען אויך געוואָרן שמוציג און זיינע אייגענע זיהן האָבן געגעבן דעם שלעכטן בייספיל, וואָס האָט געפירט צו די שלעכטע רעזולטאַטן וועגן וועלכע עס ווערט אונז דערציילט אין די ספרים עזרה און נחמיה. דאָ דאַט זיך אָנגעהויבן אין ירושלים אַ באַוועגונג, וואָס האָט גענומען פאָדערן אַז קיין ירושלים זאָל קומען אַ גרעסערע גייסטיגע קראַפט, אַ עזרא=הסופר, וואָס זאָל מאַכן אַ סוף צו דער אונפאַרשעמטער דערשיינונג אין דעם לעבן פון די כהנים. דער אַריסטאָקראַטיע און אַ טייל פון פאָלק, מען האָט שטאַרק גענומען טראַכטן וועגן עזרא=הסופר.

ווען מיר נעמען אָבער אין באַטראַכט די באַדייטונג וואָס כהנים איבערהויפט האָבן געהאַט אין אָריענט, קאָנען מיר לייכט פאַרשטיין ווי די דאָזיקע באַוועגונג האָט געקאָנט ווערן געפערלעך פאַר דעם יונגען ישוב אין ארץ=ישראל, ווייל די פערסישע מלוכה האָט ניט געקאָנט פאַרשטיין דעם אונטערשייד וואָס דאָס יודנטום מאַכט צווישן אַ כהן=גדול פון איין זייט און אַ גייסטיגן פירער פון דער אַנדער זייט; פאַר די פערסער איז אַ פריסטער געווען דאָסזעלבע וואָס אַ גייסטיגער פירער, ווי עס איז אונז אויך באַקאַנט פון מצרים, בבל א. א. וו.

די קליינע טרייע גרופע אין ארץ=ישראל האָט גאַנץ גוט פאַרשטאַנען ווי געפערלעך די באַוועגונג קאָן ווערן פאַר דעם נייעם שוואַכן ישוב; אָבער ווי עס ווייזט אויס האָט זי שוין דאַמאָלס געהאַט די זיִלביקע מיינונג וואָס שפּעטער רב שמואל בר=מרתא, אַז די תורה איז וויכטיקער ווי דער בית=המקדש, און מען האָט זיך דאָך אַנטשלאָסן צו רופן עזרא ער זאָל קומען קיין ארץ=ישראל. אָבער עזרא, ווי עס ווייזט אויס, האָט זיך שטאַרק מיישב געווען צי זאָל ער מאַכן דעם געפערלעכן שריט אָדער ניט.

אויסער דעם איז געווען נאָך אַ סבה וואָס האָט

צוריקגעהאלטן עזרא'ן אין בבל; דער גרויסער אידעשער ישוב אין בבל איז געווען זייער וויכטיק און ער האָט ניט אזוי לייכט געקאָנט בלייבן אָן זיין גייסטיגן פירער. ערשט נאָכדעם ווי עזרא האָט איינגעזען אז די לאַגע אין ארץ־ישראל ווערט ערגער טאָג צו טאָג און אז דער ישוב קאָן אונטערגיין ניט צוליב פאָליטישע, נאָר צוליב אינערלעכע, אסימילאטאָרישע טענדענציעס — ערשט דאמאָלס האָט ער זיך אנטשלאָסן צו מאַכן דעם וויכטיקן שריט און ער איז אַוועק קיין ארץ־ישראל.

קאַפּיטל ג.

עזרא און די געמישטע חתונות.

די ערשטע וויכטיקע פראַגע וואָס איז אויפגענומען געוואָרן אין ארץ־ישראל גלייך נאָכדעם ווי עזרא איז געקומען אהינצו, איז געווען דער קאַמף קעגן די געמישטע חתונות, אויף וועלכע די אידעשע היסטאָריקער, אָנהויבנדיק פון יוסף־בן־מתתיהו (יאָזעפוס פלאַוויוס) ביז היינט לייגן דאָס גרעסטע געוויכט. עזרא אָבער, וועלכער דערציילט אונז אליין וועגן דעם, איז פיל קאָרעקטער און ער זאָגט אליין, אז דאָס איז ניט געוען ער, נאָר א טייל פון די „שרים" וועלכע זיינען געקומען צו אים און זיך באַקלאָגט אז א טייל פון די כהנים, לוים און דער אריסטאָקראַטיע זיינען זיך מתחתן מיט די אַרומיקע פרעמדע פעלקער1) ווען מיר ליינען ווייטער די דערציילונג פון עזרא זעהען מיר, אז ער איז ניט געווען פון די ענערגישע מענטשן, וועלכע גרייפן אריין מיט א פעסטער האַנט אין די געשעהניסן, ווי צ. ב. זיין גרויסער חבר נחמיה. אין דער ערלעכער און אָפנהאַרציקער דערציילונג פון עזרא געפינען מיר דעם גרויסן אונטערשייד צווישן

1) עזרא, פרק ט" פסוקים א"—ב".

אים און די גרויסע נביאים אונזערע: אַנשטאָט אויפצוטרעטן מיט שאַרפע רייד און מרעיש עולם זיין קעגן די נאַציאָנאַלע פאַר־ברעכער, וואַרפט ער זיך אויף דרערד, ער פאַסט און ווייס ניט וואָס ער זאָל נעמען טאָן 2).

שכניה־בן־יחיאל מונטערט אים אויף מיט די ווערטער: „קום כי עליך הדבר ואנחנו עמך חזק ועשה!" 3) און ווען מיר אי־בערזעצן דעם דאָזיקן פסוק לויט זיין אינהאַלט, הייסט עס: „אַנ־שטאָט צו פאַסטן און צו וויינען שטיי בעסער אויף און נעם זיך צו דער אַרבעט". עזרא פאָלגט טאַקע דער גוטער עצה און פאַנגט אָן צו מוסרן דאָס פאָלק; אָבער ווי נאָר מען מוז גיין צו דער פּראַקטישער זייט פון דער פראַגע, זעהען מיר אַז ער געפינט פאַר נויטיק צו גרינדן אַ קאָמיטעט וואָס זאָל אָרדענען די זאַך און די הויפטפירער פון דעם קאָמיטעט זיינען יונתן בן־עשהאל און יחזקיה בן־תקוה. 4)

אַ גאַנץ אַנדערן איינדרוק באַקומען מיר ווען מיר לייענען ווי נחמיה, וועלכער איז געווען פיל פּראַקטישער און ענערגישער ווי עזרא, האָט אויפגעטרעטן אין דער זעלביקער פראַגע. דער־זעהענדיק די גרויסע השפעה וואָס די פרעמדע פרויען האָבן אויף די קינדער, וועלכע ריידן אַלע מעגלעכע שפּראַכן נאָר ניט די אייגענע, 5) האָט ער זיך ניט געוואָרפן אויף דער ערד, ער האָט ניט געפאַסט און ניט געקלאָגט. נאָר ער האָט אָנגעפאַנגען מרעיש עולם צו זיין און גאַנץ געגעבן פשוט פעטש די מענטשן וואָס דורך זייער שטעלונג אין דער געזעלשאַפט זיינען מער ווי אַנדערע געווען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר די טרויעריקע דערשיינונג; 9) און זוי עס ווייזט אויס האָט די האַנדלונג פון נחמיה אין טאָטענט געווירקט שטאַרקער.

---

2) עזרא, פרק ט', פסוקים ג'—ה'.
3) " " פסוק ד'.
4) עזרא, פרק י', פסוק ט"ו.
5) נחמיה, פרק י"ג, פסוק כ"ד.
6) " " " כ"ה.

ווי איך האָב געזאָגט אויבן באַטאָנט שוין יוסף=בן=מתתיהו דעם גרויסן ווערט פון עזרא׳ס קאַמף קעגן די געמישטע חתונה, און דערפאַר איז אונז אייגנטלעך שווער צו פאַרשטיין פאַר וואָס די חכמי=התלמוד, וועלכע שטעלן עזרא=הסופר אויף די זעלביקע מדרגה ווי משה=רבינו, ריידן אַזוי ווייניק וועגן דעם דאָזיקן פונקט אין עזרא׳ס אַרבעט. אַז די חכמי=התלמוד זאָלן האָבן באַטראַכט דעם דאָזיקן פונקט פאַר ניט אַזוי וויכטיק, איז אַ זאַך וואָס איז אוממעגלעך, ווייל מיר ווייסן גאַנץ גוט אַז נאָר אַדאַנק דער גרויסער גייסטיגער השפעה פון תלמוד האָט עס זיך איינגעגעבן צו ברענגען דעם קאַמף קעגן די געמישטע חתונות צו אַ גליקלעכן נצחון אויף אַ גאַנץ לאַנגע צייט אין דער געשיכטע פון אונזער פאָלק. אום צו קאָנען פאַרשטיין פאַר וואָס דער תלמוד באַטאָנט אַזוי ווייניק דעם אָנטייל פון עזרא=הסופר אין אַזאַ וויכטיגער פראַגע, מוזן מיר געבן אַ טיפערן בליק אין די פסיכאָלאָגיע פון עזרא=הסופר.

אין דער ביאָגראַפיע פון תנ״ך וועגן עזרא=הסופר ווערט אונז דערציילט, אַז ער איז געווען דער גרעסטער קענער פון דער תורה און אירע געזעצן: מיר ווייסן אויך אַז ער איז געווען זייער אַ פרומער מאַן. וועלכער האָט זיך שטרענג געהאַלטן אָן די דינים פון דער תורה סיי אין גרויסע סיי אין קליינע פראַגעס. די תורה איז פאַר אים געווען די איינציגע אויטאָריטעט און איידער ער פלעגט אונטערנעמען אַ וועלכע עס איז שריט פלעגט ער פריהער זוכן אַ סמך אין דער תורה.

ווען עזרא איז געשטאַנען פאַר דעם טרויעריקן פאַקט פון די געמישטע חתונות האָט ער גאַנץ נאַטירלעך גענומען זוכן אַ סמך אין דער תורה ווי מען זאָל די דערשיינונג באַקעמפן, און דאָ איז ער געשטעלט געוואָרן פאַר אַ אינטערעסאַנטע דערשיינונג: ער האָט אין דער תורה געפונען שטרענגע פאַרשריפטן אַז די אידן טאָרן ניט חתונה האָבן מיט קינדער פון די פעלקער, וועלכע

האָבן געלעבט אין און אַרום ארץ־ישראל אין דער צייט פון משה'ן און יהושע'ן; גלייכצייטיק אָבער האָט ער געפונען אין דער תורה אַ גאַנץ דייטלעכן פאַל וואָס גיט דעם אידן די מעגלעכ־קייט זיך מתחתן צו זיין מיט אַנדערע פעלקער אין דעם פאַל פון אַ מלחמת־רשות, ד. ה. אַ פריווילעקער מלחמה 7). פון די פעל־קער, וועגן וועלכע די תורה רעט אַז מען טאָר זיך מיט זיי ניט מתחתן זיין, איז אין עזרא'ס צייטן שוין קיין שפור מער ניט געווען און אויסערדעם האָט עזרא אויך געוואוסט אַז די נביאים וועלכע האָבן געלעבט פאַר זיין צייט האָבן גאַנץ ווייניק געקעמפט קעגן די געמישטע חתונות — און דערפאַר איז עזרא געווען אַזוי אָפּהענגיק.

ער האָט גאַנץ גוט פאַרשטאַנען די גרויסע סכנה וואָס שטייט פאַר דעם אידישן פאָלק פון די געמישטע חתונות. ער האָט אויך גאַנץ גוט פאַרשטאַנען אַז ווען ער זאָל אויפטרעטן נאָר מיט דער אויטאָריטעט פון זיין אייגענער פּערזאָן וועט ער אפשר אויף אַ געוויסן מאָמענט קאָנען מאַכן אַ רושם. אָבער דאָס איז אים געווען ווייניק, ווייל ער האָט געוואוסט אַז דאַמאָלס וואָלט ער מוזן זיך אַרייגמישן אין די אויטאָנאָמיע פון דעם פאַ־מיליענלעבן, וואָס איז אַלעמאָל געווען אַזוי הייליק ביים אידישן פאָלק. ערשט נאָכדעם ווי די פאַרטיי, וואָס איז געווען קעגן די געמישטע חתונות, איז געוואָרן גענוג שטאַרק און ערשט נאָכדעם ווי נחמיה, וועלכער איז געווען ניט נאָר אַ פרומער מאַן און אַ הייסער נאַציאָנאַליסט, נאָר אויך אַ פּראַקטישער און ענערגישער פּאָליטיקער, האָט גענומען מאַכן קולות — ערשט דאַמאָלס האָט עזרא זיך אָנטשלאָסן צו נעמען די באַוועגונג אונטער זיין שוץ, וואָס איז געווען זייער וויכטיק פאַר די נאַציאָנאַליסטישע פאַרטיי, ווייל ער איז דאָך געווען דער געלערנסטער און פרומסטער מאַן אין זיין צייט און דערצו נאָך אַ כהן.

7) דברים, פרק כ"א, פסוקים י'—י"ג.

דאָ זעהען מיר ווייטער איינע פון די אינטערעסאַנטע דערשיינונגען ווי דער תנ״ך פאַרהאַלט זיך אָביעקטיוו צו די גרויסע פערזאָנען פון אונזער געשיכטע און ווי די חכמי־התלמוד זיינען געגאַנגען דעמזעלביקן וועג אין דעם דאָזיקן פונקט. עזרא־הסופר שרייבט זיך ניט צו דעם פאַרדינסט פון דער איניציאַטיווע אין דעם קאַמף קעגן די געמישטע חתונות. נחמיה, וועלכער האָט אונז צו דערציילן אַזוי פיל שיינע זאַכן וועגן זיין גרויסן חבר, דערמאָנט אַפילו מיט איין וואָרט ניט וועגן דעם, און דאָסזעלבע טוט אויך דער תלמוד. עזרא בלייבט טאַקע עזרא; זיין כבוד און זיין גרויסע באַדייטונג פאַר דאָס אידישע פאָלק ווערט דורך דעם, וואָס ער האָט אַליין די איניציאַטיווע ניט גענומען אין זיינע הענט, אַפילו אַ האָר ניט קלענער. אָבער דער מקור פון דער אידישער געשיכטע, דער תנ״ך, וועלכער דערציילט אונז אַלעמאָל ניט נאָר פון די מעלות, נאָר אויך פון די חסרונות פון אונזערע גרויסע מענטשן, איז אויך באַ עזרא'ן גאַנץ אָביעקטיוו און שרייבט אים ניט צו דאָס וואָס געהערט ניט צו אים, ניט קוקענדיק אויף דעם, וואָס די גייסטיקע השפעה פון עזרא'ס פערזאָן האָט געשפּילט דערביי אַ גרויסע ראָלע און וואָס דער רעזולטאַט איז אין אַ גאַנץ שטאַרקער מאָס געווען אָפּהייניגיק פון דער דאָזיקער השפעה. און די חכמי־התלמוד, וועלכע האָבן גאַנץ גוט פאַרשטאַנען די מיינונג פון תנ״ך, פאַרהאַלטן זיך אויך גאַנץ אָביעקטיוו.

קאַפּיטל ד״.

עזרא און די תורה.

ווי מיר האָבן געזען איז עזרא'ס ראָלע אין דער פראַגע וועגן די געמישטע חתונות אַ פיל קלענערע, ווי מען שטעלט זיך פאָר, דערפאַר אָבער איז דאָ איין פונקט אין עזרא'ס אַרבעט, וואו די איניציאַטיווע געהערט אין גאַנצן אים. דער דאָזיקער פונקט איז

שוין דערפאַר אינטערעסאַנט, ווייל דער תנ״ך רעט וועגן אים ניט און אויך יוסף־בן־מתתיהו דערמאָנט אים ניט.

אין תנ״ך ווערט עזרא אָנגערופן „סופר מהיר בתורת משה״1). דעם אויסדרוק „סופר מהיר״ געפינען מיר נאָך איין מאָל אין גאַנצן תנ״ך2), וואו ער ווערט אויך גאַנץ ריכטיק איבערגעזעצט: „אַ פלינקער שרייבער״. נאָך אונזערע היינטיקע באַגריפן פון אַ „סופר״ קאָן מען מיינען, אַז עזרא איז געווען באַרימט נאָר דערפאַר, ווייל ער האָט געקאָנט גיך שרייבן די תורה; אָבער דאָס וואָלט געווען גאַנץ פאַלש, און פונקט ווי דער תנ״ך וואָלט מורא געהאַט, אַז מען זאָל ניט באַגיין אַזאַ טעות, איילט ער זיך צו דערקלערן, אַז „עזרא הכין לבבו לדרש את תורת יהוה ולעשות וללמד בישראל חק ומשפט״3), ד, ה.: „עזרא האָט פאַרבערייט זיין הארץ צו דערפאָרשן גאָטעס תורה און צו טאָן און צו לערנען אין ישראל געזעץ און רעכט״. אין דעם דאָזיקן פסוק האָבן מיר די פאָלשטענדיקע כאַראַקטעריסטיקע פון עזרא׳ן און אין אים דרוקט זיך אויס ניט נאָר די גאַנצע באַדייטונג פון זיין גרויסער פערזאָן, נאָר אויך דער הויפּט־גרונד פון אַלע די גרויסע און וויכטיקע „תקנות״, וואָס עזרא האָט אויפגעטאָן און וואָס זיינען געוואָרן פון דער גרעסטער באַדייטונג פאַר די גאַנצע וויטערע אַנטוויקלונג פון דעם יודענטום ביז אין היינטיקן טאָג אַריין. דערפאַר האָט דער באַגריף „סופר מהיר״ אַ דאָפּלטע באַדייטונג ביי דער פערזאָן פון עזרא און דערפאַר קאָנען מיר אויך פאַרשטיין פאַר וואָס דער תלמוד רעט אַזויפיל וועגן דעם.

די ערשטע באַווייזונג איז דיזעלביקע ווי די אויבן דערמאָנטע, און א. ה. ווייס האָט רעכט, ווען ער זאָגט, אַז עזרא האָט געהייסן „סופר מהיר״, ווייל ער איז געווען זייער געניט אין

1) עזרא, פרק ז׳ פסוק ו׳.
2) תהלים, פרק מ״ה, פסוק ב׳.
3) עזרא, פרק ז׳ פסוק ו׳.
4) אַ. ה. ווייס: „דור, דור ודורשיו״ חלק א׳, תרפ״ד.

שרייבן די תורה, וועלכע ער פלעגט פאַרשפּרייטן אין פאָלק, בײַ וועלכן זי איז געווען ווייניק באַקאַנט[4]. אָבער ער איז ניט געווען אַ אויטאָמאַטישער סופר, נאָר ער פלעגט אויך פאָרשן יעדעס וואָרט און זיך פאַרטיפן אין דעם געדאַנקען פון דעם געשריבע־נעם טעקסט (הכין לבבו לדרש). פאַרטיפן אָבער פלעגט ער זיך ניט צוליב דעם. ווייל ער האָט זיך פאַרנומען מיט „ביבעלקריטיק", נאָר ער האָט געזוכט צו פאַרשטיין דאָס געזעץ און עס אויך פּראַקטיש צו דערפילן (ולעשות). דאָס איז אָבער נאָך ניט געווען גענוג פאַר אים. נאָר ער האָט אויך געזען איינצואווירקן, אַז אַנ־דערע זאָלן אויך לערנען און פאָלגן דאָס געזעץ (וללמד בישראל חק ומשפט). דאָס איז דער צווייטער באַגריף פון „סופר מהיר" בײַ עזרא־הסופר: דער גרינדלעכער קענער פון דעם געזעץ און דער פּראַקטישער דורכפירער פון אים אין לעבן פון פאָלק.

דער דאָזיקער שטריך און כאַראַקטער פון עזרא הסופר'ס גייסטיקער אַרבעט דערקלערט אונז אויך פאַרוואָס זיין נאָמען איז דאַמאָלס געווען אַזוי גרויס ניט נאָר בײַ אידן, נאָר אויך בײַ די פּערסן, ווי אויך פאַרוואָס דער פּערסישער מלך ארתחששתא האָט געגעבן עזרא'ן די פולמאַכט איינצופירן אָרדענונג און גע־זעצליכקייט אין גאַנצן לאַנד פון „יענעם זייט טייך"[5]. ארתחשסתא האָט גאַנץ גוט פאַרשטאַנען, אַז ער קאָן זיך פולשטענדיק פאַר־לאָזן אויף אַ מענטשן, וואָס די טעאָריע און די פּראַקטיקע זיינען בײַ אים אַזוי שיין און האַרמאָניש פאַראייניקט.

זייענדיק אין בבל האָט עזרא געוואוסט, אַז נאָר אַ גאַנץ קליינער טייל פון פאָלק קען די תורה, און ווען ער איז געקומען אין ארץ־ישראל האָט ער געפונען, אַז דאָרטן איז דער צושטאַנד נאָך ערגער; און אין דער צייט ווען די נאַציאָנאַליסטן האָבן אָנגעפאַנגען דעם קאַמף קעגן די געמישטע חתונות און האָבן אים געוואָלט דורכפירן מיט געוואַלט, האָט עזרא אויפגעפאַסט די

---

5) עזרא פרק ז' פסוק כ"ה.

זאָך פיל טיפער. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז אין מאָמענט פון אַ גרויסער נאַציאָנאַלער באַוועגונג קאָנען צוואַנג־מיטלען אפשר העלפן אַ געוויסע צייט; אָבער אַזאַ היילונג קאָן לאַנג ניט געדויערן, ווייל אַ פאָלק קאָן ניט פיבערן נאָכאַנאַנד. און ווי נאָר די היץ גייט אַריבער פאַנגט זיך ווידער אָן די אַלטע געשיכטע. נחמיה'ס פעטש האָבן געקאָנט העלפן נאָר אַזוי לאַנג ווי נחמיה מיט זיין גרויסער גייסטיקער און אָפיציעלער מאַכט האָט געלעבט און עזרא איז אים בייגעשטאַנען, אָבער ניט יעדער טאָג לעבן אַזעלכע פערזאָנען, און דערפאַר האָט עזרא געפונען, אַז די קראַנקהייט מוז געהיילט ווערן מיט גאַנץ אַנדערע מיטלען, וועלכע נעמען אפשר פיל מער צייט, אָבער זיי ווירקן גרינדלעכער, האַלטן לייגער און ברייגען פיל מער נוצן: מען מוז דערציהען דאָס פאָלק אין ליבע און יראת־הכבוד (אַכטונג) צו זיין אייגענער קולטור, צו זיין גרויסער תורה, און ווען דאָס פאָלק וועט זיך אויסלערנען צו שעצן דאָס אייגענע וועט עס שוין ממילא אויסמיידן דאָס פרעמדע. און אַז עזרא האָט קיין טעות ניט געהאַט ווייסן מיר פון אונזער געשיכטע.

מיט וועלכע מיטלען איז עזרא־הסופר געגאַנגען צו זיין גרויסער נאַציאָנאַל־פּעדאַגאָגישער אַרבעט, וואָס איז געווען דער הויפּטציל פון זיין גאַנצן לעבן?

אויך די שטרייגסטע ביבעלקריטיקער זאָגן, אַז פון פסוק כ"ז אין פרק ז' ביז פסוק ט"ו און פרק ט' האָט עזרא געשריבן אַליין דעם ספר, וואָס טראָגט זיין נאָמען. אָבער אין די דאָזיקע פרקים וועלן מיר אומזיסט זוכן אַ תשובה אויף אונזער פראַגע, ווי אַלע אַנדערע גרויסע פערזאָנען אין יודענטום האַלט זיך עזרא צום כלל: „יהללך זר ולא פיך נכרי ולא שפתיך(6), ד. ה. זאָל דיך רימען אַ פרעמדער אָבער ניט דיין אייגענער מויל; אַ אַנדערער, אָבער ניט דיינע אייגענע ליפּן". ערשט נחמיה דערציילט, אַז

6) משלי, פרק כ"ז, פסוק ב'.

עזרא האָט געבראַכט די תורה און פאָרגעלייענט פאַר דעם גאַנצן עולם, מענער און פרויען7). דאָס אַליין איז שוין געווען אַ נייס, ווייל ביז זיין צייט ווערט וועגן אַזעלכע אַלגעמיינע פאַרלעזונגען ניט דערציילט. אַזוי ווי דער גרעסטער טייל פון פאָלק האָט פאַרשטאַנען נאָר אַראַמייאיש, האָט עזרא איינגעפירט, אַז דאָס פאָרגעלייענטע זאָל דערקלערט ווערן אַזוי, אַז יעדערער פון די צוהערער זאָל קאָנען פאַרשטיין, וועגן וואָס עס ווערט געלייענט8).

דער דאָזיקער ערשטער פאַרזוך האָט געמאַכט אַ גוטן רושם און אַזוי ווי עס איז דאַמאָלס ערב יום־טוב און דער עולם האָט געהאַט געגוג צייט, האָט עזרא געהאַלטן פאָרלעזונגען יעדער טאָג מיט דעמזעלביקן גוטן רעזולטאַט9). דער רעזולטאַט איז געווען אויף אַזוי פיל גוט, אַז מען האָט מיט דעם אייגענעם גוטן ווילן זיך גענומען אָרדנען די פראַגע וועגן די געמישטע חתונות ווי אויך דורכצופירן די אַנדערע געזעצן פון דער תורה. און וואָס מער מען האָט זיך פאַרטיפט אין די דאָזיקע געזעצן האָט מען אַלץ מער גענומען פאַרשטיין, אַז דער איינציגער וועג איינצואַזאַרצלען אין פאָלק די ליבע צו זיין אייגענער קולטור איז נאָר דער, אַז מען זאָל אַזוי ווייט ווי מעגלעך זיך אָפּזונדערן פון די אַרומיקע פעלקער, וועלכע האָבן געהאַט אַ שלעכטע השפּעה אויף דאָס יונגע אידענטום.

אָבער די גוטע שטימונג אין פאָלק איז נאָך געווען ווייניק פאַר עזראַ'ן און ער האָט זיך געשטעלט די אויפגאַבע, אַז דאָס פאָלק זאָל דורכגעדרונגען ווערן פון געדאַנקען, אַז עס איז דער איינציקער און אמת־ער טרעגער פון דער דאָזיקער תורה, און צו דעם דאָזיקן צוועק האָט עזרא דורכגעפירט אַ רעפאָרמע, וועגן וועלכע נאָר דער תלמוד ווייס אונז צו דערציילן.

---

7) נחמיה, פרק ח״, פחוק ב״.
8) נחמיה, פרק ח״, פסוק ח״.
9) „ „ „ „ י״ח.

ווי איך האָב שוין דערמאָנט אויבן איז רבי יוסי איינער פון די חכמי=התלמוד, וועלכער שטעלט אוועק עזרא'ן אויף דיזעלביקע מדרגה ווי משה=רבנו. און ער זאָגט, אז ווען עזרא'ן איז ניט געווען באַשערט צו געבן אידן די תורה, האָט ער דאָך זוכה געווען אויפצוטאָן אַן אנדער וויכטיקע זאַך: ער האָט געענדערט די שריפט פון דער תורה10), דאָס הייסט: אָנשטאָט דעם אלטן פעניציש=העבריאישן אַלף=בית, וואָס האָט עקזיסטירט ביז זיין צייט, האָט ער איינגעפירט דעם נייען אלף=בית, וואָס איז אונז אַלעמען אזוי גוט באַקאַנט, וואָס טראָגט אין תלמוד דעם נאָמען „כּתב אשורי" און הייסט ביי אונז — „די קוואדראט=שריפט".

אום צו קאָנען פאַרשטיין די וויכטיקייט און די מעגליכקייט פון אזא גרויסער רעפאָרמע מוזן מיר קלאָר מאַכן פאָלגענדע פראַגעס:

א) צוליב וואָס האָט עס עזרא געטאָן?

ב) וועלכע באַדייטונג האָט די רעפאָרמע פאַר דאָס יודענטום?

ג) ווי אזוי האָט עס זיך עזרא'ן איינגעגעבן די רעפאָרמע דורכצופירן?

ד) פאַרוואָס הייסט זיין אַלף=בית „כּתב=אשורי"?

די דאָזיקע פראַגעס מוזן מיר פאַרענטפערן יעדערע באַזונדער אום דאָס בילד זאָל ווערן קלאָר פאַר אונז, און מיר זאָלן קאָנען ריכטיק פאַרשטיין דעם גרויסן ווערט פון עזרא'ס אַרבעט.

א) פון אַלע די שכנים, מיט וועלכע דער יונגער ישוב איז געקומען אין באַרירונג, זיינען די שמרנים אָדער כּותים געווען די געפערלעכסטע, אָבער ניט דערפאַר וויל זיי זיינען געווען פרעמדע, נאָר גאַנץ אומגעקערט: וויל זיי זיינען אין זייער א וויכטיגן פונקט געווען גאָרניט פרעמד; זיי האָבן געהאַט כּמעט דיזעלביקע תורה ווי די אידן, אָבער ניט

10) סנהדרין=בבלי, דף כ"א, עמוד ב".

קוקענדיק אויף דעם האָבן זיי זיך געהאַלטן צו מנהגים, וואָס האָבן געשטריטן קעגן דעם גייסט פון יודענטום, ווייל די שמרנים האָבן זיך ניט געהאַלטן צו די טראַדיציעס, וואָס האָבן זיך אין פאַרלויף פון פיל יאָרהונדערטער איינגעוואָרצלט ביים אידישן פאָלק.

די סכסוכים צווישן די שמרנים און דער ערשטער עליה זיינען אונז באַקאַנט פון ספר-עזרא.11) ווי אויך די גרויסע צרות, וואָס זיי האָבן אָנגעטאָן די אידן, וועלכע זיינען געקומען פון גלות-בבל. מיט זיין שאַרפן בליק האָט עזרא-הסופר פאַרשטאַנען, אַז דאָס וואָס די שמרנים האָבן די זעלביקע תורה ווי די אידן, געשריבן אין דערזעלביקער שפּראַך און מיט די זעלביקע אותיות, קאָן ווערן זייער געפערלעך פאַר די נייע באַוועגונג אין ארץ-ישראל, און דערפאַר האָט ער באַשלאָסן אָפּצוריסן דעם באַנד צווישן די צוויי גרופּעס, וואָס זיינען סיי פון נאַציאָנאַלן, סיי פון גייסטיקן שטאַנדפּונקט גרונדפאַרשידן.

ווי איך האָב שוין דערקלערט איז עזרא-הסופר ניט געווען אַ פּשוטער סופר, און דערפאַר ווערט אונז דערציילט אַז ער פלעגט אויך מאַכן געוויסע ענדערונגען אין טעקסט.12, 13) פאַר עזרא'ן איז די תורה ניט געווען קיין טויטער בוכשטאַב, נאָר דער לעבעדיקער קוואַל, פון וועלכן ער האָט געשעפּט זיינע קענטעניסן וועגן אידנטום, און ער האָט דעריבער גאַנץ גוט פאַרשטאַנען, אַז דער סטיל, אין וועלכן די תורה איז געשריבן געוואָרן איז געווען די הויפּט-סבה דערפון, וואָס מיט דער צייט האָבן זיך אַרום איר געבילדעט פאַרשידענע מ ו נ ד ל ע כ ע געזעצן, וואָס בילדן דעם גרונט צו דער באַקאַנטער „תורה שבעל-פה".

פון דער אַנדער זייט האָט עזרא געוואוסט, אַז די שמרנים,

---

11) עזרא, פרק ד'.
12) אבות-דרבי-נתן, פרק ל"ד.
13) במדבר-רבה, פרק ג'.

וועלכע זיינען געווען באַקאַנט מיט דעם נאָמען „גרי־אריות״,(14 האָבן דעם גייסט פון דער תורה ניט פאַרשטאַנען, ווייל זיי האָבן ניט איבערגעלעבט היסטאָריש און האָבן ניט דורכגעמאַכט די גאַנצע אַנטוויקלונג ווי דאָס יודנטום און דערפאַר איז טאַקע בײַ די שמרנים די תורה געוואָרן אַ „טויטער בוכשטאַב״ אין פולן זינען פון וואָרט; און אַט אין דעם איז געלעגן די גרויסע סכנה פאַר דאָס יודנטום. דערפאַר האָט עם עזרא געפונען פאַר נויטיק אומגעגלעך צו מאַכן יעדער באַרירונג צווישן דעם ט ו י ט ן גייסט פון די שמרנים און דעם א ו י פ ל ע ב ע נ ד ן גייסט פון דעם יודענטום — און ער האָט אויך דערגרייכט אַ גלענציגן רעזול־טאַט: מען האָט ביסלעכווייז פאַרגעסן דעם אַלטן אלף־בית, זיך אַלץ מער און מער געהאַלטן צו דעם „כתב־אשורי״ און מען איז דורכגעדרונגען געוואָרן פון דעם געדאַנקען, אַז די תורה וואָס די אידן האָבן בײַ זיך, איז די איינציגע, ריכטיגע תורה.

ענדערנדיק דעם אלף־בית האָט עזרא אויך געקראָגן די מעגלעכקייט אויסצובעסערן דעם טעקסט פון דער תורה, לייגענדיק דערמיט דעם גרונט צו דער באַרימטער „מסורה״; אָוועקצונעמען געוויסע פעלערן, וואָס האָבן זיך אין פאַרלויף פון דער צייט אָנגע־קליבן אין אַלטן טעקסט און קלאָר צו מאַכן געוויסע טונקעלע ערטער. אויף אַזאַ אופן האָט עזרא־הסופר טאַקע ג ע ג ע ב ן ד ע ם א י ד ע ש ן פ אָ ל ק ד י ת ו ר ה.

ב) דורך די איינפירונג פון דעם נײַעם אלף־בית האָט עזרא ניט נאָר אָפגעריסן דעם לעצטן באַנד צווישן די אידן און די שמרנים, נאָר ער האָט אויך געעפנט אַ נײַעם וועג פאַר די באַ־פעסטיגונג פון דער „יהוה״־רעליגיע, פאַר וועלכע עס האָבן גע־קעמפט די גרויסע נביאים אונזערע, אין גענצען צו דער אַלטער שריפט, וואָס ניט אַלע אירע אותיות זיינען געווען גענוג קלאָר(15,

14) מלכים—ב׳, פרק י״ז, פסוק כ״ח.
15) מגילה־ירושלמי, פרק א׳, הלכה ח׳.

זיינען די אותיות פון דעם נייעם אלף=בית גענוג דייטלעך, און ווען מיר פארגלייכן דעם אלטן פעניציש=העברייאישן אלף=בית מיט דעם „כתב=אנשורי״ מוזן מיר צוגעבן, אז עזרא האט אופגעטאן זייער א וויכטיקע זאך: די העברייאישע שפראך האט באקומען די דייטליכע שריפט, וואס איז געווען זייער וויכטיק פאר די קלארע רעדאקטירונג פון דער תורה, דאס האבן שוין געמוזט איינזען די אידן, וועלכע האבן געלעבט אין יענער צייט; און אזוי ווי מיר וויסן, אז די שנאה צווישן די שמרנים און די אידן איז געווארן שטארקער פון טאג צו טאג, קאנען מיר אויך פארשטיין, אז די אידעשע געזעלשאפט אין עזרא׳ס צייט האט שוין דאמאלס אפגעשעצט דעם גרויסן ווערט פון עזרא׳ס רעפארמע.

ג) די רעפארמע פון ענדערן די שריפט איז אבער ניט אזוי איינפאך, ווייל מיר דארפן ניט פארגעסן, אז ניט קוקענדיק אויף דעם, וואס נאר א קליינער טייל פון פאלק האט געקענט די תורה און דער גרויסער טייל פאלק איז אפט אפגעפאלן פון אירע געזעצן, איז איר טראדיציע דאך געווען הייליק ביי אלעמען. לויט דער דאזיקער טראדיציע איז די תורה געווען געשריבן ניט נאר אין דער אלטער העברייאישער שפראך, נאר אויך אין דעם אלטן העברייאישן אלף=בית. ביי א פאלק איז די שריפט ניט קיין מאדע=זאך, וואס עס בייט אזוי גיך איבער, נאר זי ווערט געהייליקט דורך די טראדיציע, און דערפאר איז דא עזרא געשטאנען פאר א שווערע אופגאבע: זאל ער לאזן די זאך אזוי ווי זי איז, אדער ער זאל אנרירן די נאציאנאלע געפילן פון דער גרויסער מאסע, וואס האט ניט אזוי לייכט געקאנט פארשטיין וואס ער וויל? און ער האט זיך אנטשלאסן פאר דאס לעצטע.

בן=יהודה, וועלכע באטראכט עזרא׳ס שריפט=רעפארמע נאר פון שטאנדפונקט פון איר נוצן פאר די העברייאישע שפראך, דערקלערט די מעגליכקייט פון דער דאזיקער רעפארמע דערמיט, אז דאס פאלק האט די גאנצע שריפט=ענדערונג גארניט געפילט, ווייל קיין ספרים זיינען דאמאלס ניט געווען, קינדערשולן האט מען ניט

געהאט און װעגן די גײסטיקע דערציהונג פון פאָלק האָט מען זיך װײניק געקימערט16). װען בן־יהודה האָט רעכט אין לעצטן פונקט, איז אָבער זײן מײנונג אין ערשטן פונקט היסטאָריש ניט ריכטיק. ערשטנס װײסן מיר, אַז נאָך פאַר דעם חורבן־בית־ראשון האָט יהושפט־המלך אַרױסגעשיקט ספּעציעלע מענטשן אין אַלע אידעשע שטעט זײ זאָלן לערנען תורה מיט דעם אידעשן פאָלק17), און דערפון קאָנען מיר פאַרשטײן, אַז דאָס פאָלק האָט יאָ געװאוסט פון דער עקזיסטענץ פון דער תורה. לויט דער מײנונג פון תלמוד האָט עזרא אַלײן געשריבן די ספרים „דברי־הימים"18); אָבער אויך װען מיר זאָלן אונז האַלטן צו דער מײנונג פון דער ביבעלקריטיק, אַז עזרא האָט מיט „דברי־הימים" גאָרניט װאָס צו טאָן, האָט ער אין יעדער פאַל דאָך געמוזט װיסן װעגן דעם, װאָס יהושפט־המלך האָט געטאָן, װײל דאָ האַנדלט עס זיך ניט װעגן אַ לעגענדע אָדער אַ טראַדיציע, נאָר װעגן אַ היסטאָרישן פאַקט, װאָס מיר האָבן קײן גרונט ניט צו פאַרלײקענען.

צװײטנס װײסן מיר, אַז די אידן אין גלות־בבל האָבן אונטער דער השפעה פון עזרא זיך באַשעפטיקט מיט דעם שטודירן די תורה, און די אידן, װאָס זײנען געװען פון דער צװײטער עליה זײנען דאָך טאַקע געװען אַט די דאָזיקע בבל־אידן. דריטנס װײסן מיר פון ספר נחמיה, אַז אין די פאָרלעזונגען, װאָס עזרא האָט אײנגעאָרדנט, האָבן אויך אָנטײל גענומען פיל כהנים, לוים און „מבינים", ד. ה. די אינטעליגענציע. די דאָזיקע מיטהעלפער פון עזראַ'ן האָבן גאַנץ גוט געקענט די „אַלטע" תורה און איר אלף־בית. פון דאָס אַלץ קאָנען מיר פאַרשטײן, אַז בן־יהודה'ס מײנונג שטימט ניט מיט די היסטאָרישע פאַקטן, און װען מיר װילן פאַרשטײן, װי אַזױ עס האָט זיך אײנגעגעבן עזראַ'ן דורכצופירן זײן רעפאָרמע, מוזן מיר זוכן אַ דערקלערונג אין גאַנץ אַנ=

16) אליעזר־בן־יהודה: דערמאָנטע אַרבעט.
17) דברי־הימים־ב", פרק י"ז, פסוקים ט—ז.
18) בבא־בתרא־בבלי, דף ט"ו, עמוד א"

דערע מאָמענטן, און אום צו קאָנען פאַרשטיין די דאָזיקע מאָמענטן, מוזן מיר זיך נעהענטער צוקוקן צו דעם, ווי די חכמי=התלמוד, באַ וועלכע די שריפט=רעפאָרמע איז געווען די וויכטיקסטע פון עזרא'ס „תקנות", פאַרהאַלטן זיך צו דער פראַגע. די מיינונג פון די חכמי=התלמוד איז שוין דערפאַר וויכטיק פאַר אונז, ווייל זיי זיינען די ערשטע, וועלכע ריידן וועגן די שריפט=רעפאָרמע, און ווייל אויך די וויסנשאַפטלעכע פאָרשונג גיט צו, אַז אין דעם דאָזיקן פונקט קאָנען מיר זיך פאַרלאָזן אויפן תלמוד.

די עלטעסטע מיינונג האָבן מיר פון רבי אליעזר=בן=יעקב, וועלכער האָט נאָך געלעבט אין דער צייט פון בית=שני[19]. ער דערציילט אונז, אַז מיט דער ערשטער עליה זיינען מיטגעגאַנגען דריי נביאים, פון וועלכע איינער האָט עדות געזאָגט וועגן מזבח און דעם אָרט פון מזבח; דער צווייטער נביא האָט געזאָגט עדות, אַז מען מעג ברענגען קרבנות, אפילו ווען דער בית=המקדש איז נאָך ניט פאַרטיק; און דער דריטער נביא האָט געזאָגט עדות, אַז די תורה זאָל געשריבן ווערן אשורית[20]. אָבער דער תנא דערמאָנט גאָרניט וועגן דעם, אַז דאָס איז געווען עזרא, וואָס האָט איינגעפירט דעם "כתב=אשורי".

די צווייטע מיינונג האָבן מיר פון דעם אויבן=דערמאָנטן רבי=יוסי, און דערביי שטיצט ער זיך ניט נאָר אויפן ספר עזרא[21] און ספר דניאל[22], נאָר אויך אויף דער תורה[23], און ער זאָגט, אַז מיט דעם וואָרט „משנה=תורה". מיט וועלכן מען פאַרשטייט געוויינלעך דעם ספר דברים, איז געמיינט די שריפט, וואָס מוז געענדערט ווערן, איינפאַכער געזאָגט: רבי יוסי באַהויפטעט, אַז משה=רבנו אליין האָט שוין מיט טויזנטער יאָר פאַר עזרא=

19) א. זכות: «ספר יוחסין השלם» תרפ"ד.
20) יבחים=בבלי, דף ס"ב, עמוד א".
21) עזרא, פרק ד", פסוק ז".
22) דניאל, פרק ה" פסוק ח".
28) דברים, פרק י"ז, פסוק י"ח.

הסופר פאַרויסגעזאָגט. אַז די שריפט פון דער תורה וועט מוז געענדערט ווערן, אַז די סמנים, וואָס רבי יוסף ברענגט, האָב מיט היסטאָרישע פאַקטן גאָרניט וואָס צו טאָן, איז אַ קלאָרע זאַך, וויכטיק אָבער איז דערבײַ, אַז רבי יוסי, וועלכע האָט, ווי מיר קאָנען זען פון תלמוד[24] געהאַט אַ אָפּענעם און קריטישן בליק איף געוויסע פראַגעס אין דער תורה, איז דער ערשטער, וועלכער שטעלט פעסט דעם היסטאָרישן פאַקט פון עזרא=הסופר'ס שריפט=רעפאָרמע.

אָבער ניט אַלע תלמידי=חכמים זיינען געוועז אַזוי דרייסט ווי רבי יוסי, ווײַל אין גרונט גענומען איז די פראַגע פון דער אלף=בית=ענדערונג פאַר זיי געווען ניט אַ פראַגע פון אַ היסטאָרישע רעפאָרמע, נאָר אויך פון זייער אַ וויכטיקער רעליגיעזער באַדײַטונג. דערפאַר קומט רבי שמעון=בן=אלעזר, וועלכער האָט געלעבט אין דער צײַט פון רבי מאיר, און זאָגט אין נאָמען פון אלעזר המודעי, אַז דער אלף=בית איז איבערהויפּט ניט געענדערט געוואָרן[25]. רבי יהודה=הנשיא אָבער, דער תלמיד פון רבי יוסי, וועלכער האָט פּונקט ווי זײַן רבי געהאַט אַ שאַרפן בליק פאַר טעקסט=פראַגעס, פאַרזוכט צו מיטלען צווישן די צוויי שטרײַטיקע מײַנונגען און ער זאָגט, אַז די תורה איז טאַקע געגעבן געוואָרן אין „כתב=אשורי", אָבער צוליב די זינד פון דעם אידישן פאָלק איז דער „כתב=אשורי" געוואָרן פאַר די אידן אַ „רעץ"; דערנאָך, אַז די אידן האָבן געטאָן תשובה, האָט זיך דער „כתב=אשורי" ווידער צוריקגעקערט[26].

אַז די מײַנונג פון רבי יהודה=הנשיא, איז אַ ריינע פאַנטאַזיע, איז קלאָר, ווײַל חי מיר זאָלן זיך ניט פאַרהאַלטן צו דער פראַגע „משה=רבנו און די תורה", איז עס אויף יעדער אופן קלאָר, אַז

24) סוכה=בבלי, דף ה' עמוד א'.
25) סנהדרין=בבלי, דף כ"ב, עמוד א'.
26) „ „ „ „ „ „.

מיט דעם כתב=אשורי האָט ער נאָרניט געהאַט וואָס צו טאָן, ווייל ער האָט געלעבט אין מצרים; אויסערדעם ווייסן מיר, אַז אונזער „כתב=אשורי" האָט פונקט אַזוי ווייניק צו טאָן מיט דער „קיילשריפט" ווי מיט דער „היעראָגליפן=שריפט".

ווי עס זאָל אָבער ניט זיין מיט די פאַרשידענע מיינונגען פון די חכמי-התלמוד, האָט בן-יהודה פאָלשטענדיק רעכט ווען ער זאָגט, אַז די מיינונג פון רבי=יוסי איז ניט נאָר די ריכטיג=סטע, נאָר אויך די וויכטיגסטע.27) לויט מיין מיינונג איז די רעפאָרמע פון דער שריפט=ענדערונג דערפאַר דורכגעפירט געוואָרן אָן גרויסע שטערונגען, ווייל ער האָט געפונען אַ גרויסע אונטער=שטיצונג ביי די כהנים, לוים און די „מבינים", וועלכע האָבן גוט פאַרשטאַנען די וויכטיקייט פון זיין רעפאָרמע און אויסער עזרא=הסופרם אייגענע גרויסע אויטאָריטעט, האָבן אויך זיי איינגע=ווירקט שטאַרקט אויפן איבעריקן עולם.

ד) די ערשטע מיינונג וועגן דעם פאַרוואָס די נייע שריפט הייסט „זכתב=אשור", געפינען מיר ביי דעמזעלביקן רבי יוסי, וועלכער זאָגט, אַז זי הייסט אַזוי, ווייל מען האָט זי מיטגעבראַכט פון אשור.28) דערפון באַקומען די פאָרשטעלונג אַז מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט די אסוריש=באַבילאָנישער „קיילשריפט", וואָס איז אָבער גאַנץ פאַלש, ווייל דיביידע שריפטן האָבן קיין שו[illegible] ענלעכקייט ניט איינע מיט דער צווייטער. דערפאַר קאָנען מיר [illegible] נעמען אַז די מיינונג פון רבי יוסי איז נאָר אויף [illegible] וויים [illegible] טאָריש ריכטיק, אַז די נייע שריפט הייגט צוזאַמען מיט דער פּע=ריאָדע, ווען די אידן זיינען געקומען פון גלות=בבל.

די צווייטע מיינונג האָבן מיר פון רבי=יהודה=הנשיא, וועל=כער זאָגט, אַז זי הייסט „כתב=אשורית", ווייל זי איז די גליק=לעכסטע (מאושרת) פון אלע שריפטן29). די דאָזיקע דערקלערונג

---

27) בן-יהודה: דערמאָנטע אַרבעט.
28) סנהדרין-בבלי, דאָרטן.
29) „ „

פון רבי יהודה=הנשיא איז א גאנץ שיינער ווארטשפיל, וואס האט מיט דער אייגנטלעכער באדייטונג פוןווארט גארניט וואס צו טאן.

א דריטע מיינונג האבן מיר פון א „יש=אומרים“, וועלכע זאגן, אז די נייע שריפט הייסט דערפאר „כתב=אשורי“, ווייל זי איז א גלייכע שריפט[30]. די דאזיקע מיינונג איז א לאגישע און גראמאטיקאליש ריכטיגע, ווייל די „יש אומרים“ זאגן ניט, ווי רבי יהודה „כתב=אשורית“ (אין מין נקבה), וואס איז גראמאטיקאליש פאלש, נאר „כתב=אשורי“, וואס איז גראמאטיקאליש ריכטיק, צווייטנס מוז „מאושר“ געלייענט ווערן „מיושר“, ווי יעקב לוי דערקלערט גאנץ ריכטיק[31]. אויסער=דעם גיט אונז דער תלמוד=ירושלמי נאך א ווייטערע דערקלערונג וועגן די נייע שריפט: „רבי יונתן דבית=גוברין זאגט: עס זיינען דא פיר שפראכן, וואס פאסן פאר דער וועלט: גריכיש פאר די פאעזיע, לאטייניש פאר דאס מיליטער, סיריש=ארמייאיש פאר קינות, העברייאיש צום דיידן. די „יש אומרים“ זאגן: די אסירער האבן די שיינע שריפט, אבער ניט קיין שיינע שפראך, די אידן אבער האבן א שיינע שפראך, נאר ניט קיין שיינע שריפט, און דערפאר האבן די אידן אין דער צייט פון עזרא=הסופר אנגענומען די העברייאישע שפראך און די אשורישע שריפט[32].

ווען מיר פארגלייכן די פארשידענע מיינונגען אין די ביידע תלמודים געפינען מיר, אז די מיינונג פון די „יש=אומרים“ ליגט אין מער אויפן שכל ווי די אנדערע, אבער דאך איז עס שווער צו פארשטיין פארוואס דער תלמוד געברויכט דא דאס ווארט „אשור“, ווייל מיר ווייסן, אז אויסער אין דער פראגע וועגן עזרא'ס שריפטרעפארמע זאגט דער תלמוד קיינמאל ניט „אשור“, נאר אלעמאל „בבל“, אדער ווען עס איז אויך „שנער“, וואס איז הער

---

30) מגילה=ירושלמי, פרק א' הלכה ט'.
31) יעקב לוי: דערמאנטע ארבעט.
32) ירושלמי, דארטן.

עלטערער נאָמען פאַר בבל(33). אַז די חכמי-התלמוד געברויכן
אַלעמאָל „בבל“ איז אויך גאַנץ פאַרשטענדלעך, ווייל פון דער
וועלט-געשיכטע ווייסן מיר, אַז 40 יאָר פאַר דעם חורבן-בית-
ראשון האָט בבל זיך פריגעמאַכט פון אשורס יאָך. פון יענער
צייט ביז עזרא׳ס פעריאָדע זיינען פאַרגאַנגען אַרום 174 יאָר.
און דערפאַר קאָנען מיר זיך לייכט פאָרשטעלן, אַז אין עזרא׳ס
צייטן האָט מען גאַנץ ווייניק גערעט וועגן אשור, אָבער גראָדע
דאָ באַמערקן מיר די אינטערעסאַנטע דערשיינונג: אין די ספרים
עזרא און נחמיה ווערט דער מלך פון פערסיען אויך אָנגערופן
„מלך אשור“. דאָס איז צו דערקלערן נאָר דערמיט, אַז די
גרויסע און באַריהמטע מלוכה פון אשור איז פריער ווי בבל אונ-
טערגעפאַלן אונטער די ממשלה פון די דאַמאָלס נאָך אונבאַקאַנטע
פרס-מדי, און לויט דעם מנהג וואָס איז אונז אַזוי גוט באַקאַנט
פון דער וועלט-געשיכטע, האָבן זיך די פערסישע מלכים גענו-
מען דעם טיטול פון די באַריהמטע אשור-מלכים. און דער דאָזי-
קער מנהג קאָן אונז דערקלערן, פאַרוואָס דער נייער אלף-בית פון
עזרא׳ן הייסט „כתב-אשורי“.
ווי מיר ווייסן פון ספר-עזרא האָט ער באַקומען זיינע פול-
מאַכטן פון דעם פערסישן מלך ארתחשסתא צו אָרגאַניזירן די
גאַנצע געריכטס-אָרדנונג אין „עבר-נהרה“ און צו ווערן דער
גייסטיגער פירער פון ארץ-ישראל. ווערן עזרא וויל זיך אויסדריקן
מיט אַ גרעסערן רעספּעקט וועגן זיין פערסישן מלך, רופט ער
אים אָן מיט דעם הויכן טיטול „מלך אשור“ — און אום שטאַר-
קער צו באַטאָנען די וויכטיקייט פון זיין נייער שריפט, רופט ער
זי אָן „כתב-אשורי“, אָבער דערמיט מיינט ער ניט די אַלטע
אַסירישע „קיילשריפט“, נאָר די שריפט, וואָס איז איינגעפירט געוואָרן
פון אים און איז פונקט אַזוי וויכטיק ווי דער הויכער טיטול פון
זיין קעניגלעכן הער, דעם „מלך-אשור“, ד. ה. דעם פערסישן מלך.

---

33) בראשית, פרק י״א, פסוק ב׳.

די דאָזיקע באַדייטונג פון „כתב־אשורי" האָט אין דער שפּעטערער צייט פאַרלאָרן איר אַלטן ווערט. און נאָר צוליב די טראַדיציע איז זי פאַרבליבן אין תלמוד, וועלכער האָט איר אויך געגעבן אַנדערע נעמען.

קאַפּיטל ה".

עזרא און די שפּראַך.

פון תנ"ך ווייסן מיר, אַז שוין אין די עלטסטע צייטן האָבן אין ארץ־ישראל בּיי די אידן עקזיסטירט פאַרשידענע אַרטן אויסצורייד די ווערטער פון דער העבּרייאישער שפּראַך[1], אָדער ווי מען זאָגט יעצט: „פאַרשידענע אידיאָמען", וואָס איז אויך גאַנץ נאַטירלעך, ווייל אין די ספרים יהושע און שופטים ווערט אונז דערציילט, אַז אַ באַדייטנדער טייל פון די כּנען־פעלקער, וועלכע האָבן געהאַט אַ געוויסע השפּעה אויף די העבּרייאישע שפּראַך און איר אויסשפּראַך, זיינען געבּליבן אין לאַנד — אַ דערשיינונג, וואָס איז אונז באַקאַנט אין אַלע צייטן און בּיי אַלע פעלקער. אינטערעסאַנט איז, אַז דער העבּרייאישער נאָמען פאַר די העבּרייאישע שפּראַך „עבֿרית" ווערט ערגעץ ניט דערמאָנט אין גאַנצן תנ"ך, דערפאַר אָבער ווערט אונז גאַנץ גאַנץ דייטלעך דערציילט, אַז אין שבט יהודה, ריכטיגער געזאָגט: אין ירושלים האָט מען גערעדט „יהודית"[2,3], גלייכצייטיק ווערט אונז דערציילט, אַז די מאַסע פון פאָלק האָט ניט פאַרשטאַנען קיין אַראַמייאיש, דערפאַר אָבער האָבן די העכערע באַאַמטע בּיים קעניגליכן הויף און ירושלים יאָ פאַרשטאַנען אַראַמייאיש, פּונקט ווי די העכערע באַאַמטע פון מלך אשור האָבן פאַרשטאַנען „יהודית". פון דער דאָזיקער דערציילונג באַקומען מיר

1) שופטים, פּרק י"ב, פּסוק ו'.
2) מלכים—ב', פּרק י"ח, פּסוקים כ"ו—כ"ז.
3) ישעיהו, פּרק ל"ו, פּסוקים י"א | י"ב,

אַ געוויסן בילד איבער די שפּראַך=פאַרהעלטעניש אין ארץ=ישראל פאַר דעם חורבן=בית=ראשון.

ערשטנס דערגייען מיר, אַז די העכערע קלאַסן אין ירושלים, איבערהויפּט די, וועלכע האָבן געהאַט צו טאָן מיט דעם פּאָליטישן לעבן און די דיפּלאָמאַטישע באַציהונגען מיט אויסלאַנד, האָבן גערעדט אראַמייאיש, וואָס איז דאַמאָלס געווען די דיפּלאָמאַטן=שפּראַך פון קליין=אַזיען פּונקט ווי פראַנצויזיש — אין אייראָפּאַ. צווייטנס זעהען מיר, אַז ביים קעניגליכן הויף אין אשור האָט מען זיך שטאַרק גערעכנט מיט דער העברייאישער שפּראַך, מיט דער „יהודית". און אַזוי ווי דיפּלאָמאַטן ריידן אַלעמאָל די שענסטע פאָרם פון דער שפּראַך, קאָנען מיר פאַרשטיין, אַז די „יהודית", וואָס סנחריב'ס דיפּלאָמאַטן האָבן גערעדט, איז געווען דאָס שענסטע העברייאיש. אַז זי האָט געהייסן „יהודית" איז גאַנץ נאַטירלעך, ווייל אין יהודה, ריכטיגער געזאָגט, אין ירושלים, האָבן געלעבט ניט נאָר די גרעסטע נביאים, וועלכע האָבן געבראַכט די העברייאישע שפּראַך אויף די העכסטע שטופּע פון שיינקייט און אַנטוויקלונג, נאָר אויך די גרעסטע אידעשע אינטעליגענציע און אַריסטאָקראַטיע. דריטנס דערגייען מיר, אַז די „יהודית" איז געווען די איינציגע שפּראַך, וואָס מען האָט גערעדט אין יהודה.

נאָך דעם אונטערגאַנג פון דער „מלכות=ישראל" אָדער ווי מען רופט זי געוויינליך „די מלוכה פון די עשרת=השבטים", זיינען די פאַרהעלטענישן שוין געוואָרן אַנדערע: אויף דעם אָרט פון די דאָזיקע עשרת=השבטים האָבן זיך באַזעצט פעלקער, וואָס זיינען געשטאַנען אונטער דעם איינפלוס פון אשור און בבל און האָבן מער גערעדט אראַמייאיש, און ביי די נביאים פון דער דאָזיקער פּעריאָדע קאָן מען שוין באַמערקן אַ פיל שטאַרקערע השפּעה פון דער אראַמייאישער שפּראַך, וואָס האָט גאַנץ שטאַרק גענומען קאָנקורירן מיט „יהודית".

נאָך דעם אונטערגאַנג פון מלכות=יהודה ווערט די קאָנקורענציע צווישן די צוויי שפּראַכן, וואָס שטייען זיך גאַנץ נאָהענט, נאָך גרעסער. אין ארץ=ישראל גופא ווערט דער פּרעס=

דער עלעמענט, וואָס רעט אנראַמייאיש, פיל שטאַרקער, און דער טייל פון פאָלק, וואָס איז פאַרטריבן געוואָרן קיין בבל קומט אין גאַנצן אונטער דער השפעה פון דער אנראַמייאישער שפּראַך, און דאָ אַנטוויקלט זיך פאַר אונזערע אויגן דאָס באַקאַנטע בילד: די אידעשע אינטעליגענציע אין גלות איז מיט אַ טיפער ליבע צוגעבונדן צו דער אייגענער מוטערשפּראַך, מען פאַרטיפט זיך מיט אַ גאַנץ באַזונדערן חשק אין די אַלטע ירושה, וואָס איז נאָך דעם אונטערגאַנג פון דעם אייגענעם פאָטערלאַנד געוואָרן נאָך טײַערער; אָבער אין פּראַקטישן לעבן קאָן מען די השפעה פון דער אַראַמייאישער שפּראַך נים אויסמיידן און אויך אין דער ליטעראַטור פילט זי זיך גאַנץ שטאַרק: די ספרים דניאל און עזרא זיינען אין זייערע וויכטיגסטע טיילן אַראַמייאיש און נים העברייאיש. די גרויסע מאַסע פון די גלות-אידן ווערט אין גאַנצן אַריינגעצויגן אין די אַראַמייאישע שפּראַך און זי פאַר־געסט בּיסלעכוויז אין גאַנצן דאָס אַלטע „יהודית“.

אין ארץ-ישראל ווערט דערווײַלע די לאַגע נאָך ערגער. אויף דאָס פאַרוויסטע לאַנד וואַרפן זיך אַרויף פרעמדע פעלקער, וועלכע ריידן אַלע מענלעכע שפּראַכן. מיט די דאָזיקע פרעמדע פעלקער ווערט דער קליינער הייפעלע אידן, וואָס איז צוריקגעבליבן אין לאַנד, אַ גאַנץ גרויסער מחותן און [illegible] לאַנד אַנטשטייט אַ ריכטיגער מיש-מאַש פון שפּראַכן — [illegible] ווערט אַ ריכטיגער דור-הפלגה.

אין [illegible] דאָזיקן מיש-מאַש איז אַריינגעקומען עזרא-הסופר און ווען ער איז געשטאַנען פאַר זיין גרויסע אויפגאַבע איינצו־פלאַנצן ליבע צו דער תורה, צו דעם ריינעם גלויבן אין גאָט און צו דער אידעשער קולטור, האָט ער געהאַט פאַר זיך אַ שווער פּראָבלעם: אַרום זיך האָט ער געהאַט אַ קליינע גרופּע מענשן, וועלכע זיינען געבליבן טריי דער אַלטער ירושה און דער אַלטער מוטער-שפּראַך; די מיינונג אָבער איז דאָך נים גע־ווען, אַז די אוצרות פון דער גייסטיקער אידעשער קולטור זאָל בלייבן אַ ירושה פון אַ קליינער גרופּע מענשן, וועלכע זאָלן

בילדן אַ קאַסטע אָדער אַ קלאַס פון פּריווילעגירטע קולטור־טרעגער, ווי מען האָט עס געהאַט אין מצרים און בבל, וואָס זייערע גרויסע און רייכע קולטורן זיינען צוליב דעם טאַקע אונטערגעגאַנגען... דאָס האָט עזרא ניט געקאָנט צולאָזן, ווייל עס האָט נעשטריטן קעגן די גרונדפּרינציפּן פון יודענטום, און דערפאַר האָט ער אָנגענומען די מיטלען, וועלכע האָבן געפּאַסט פאַר אַזעלכע פאַרהעלטעניסן.

נאָכדעם ווי עס האָט זיך אים איינגעגעבן אָפּצוזונדערן דאָס פאָלק פון די פרעמדע עלעמענטן האָט עזרא אָנגעפאַנגען מיט דער גייסטיקער דערציהונג פון פאָלק דורך אַלגעמיינע פאָרלעזונגען פון דעם אַלטן אוצר און ער האָט זיי געגעבן אַ פרישערע און טיפערע דערקלערונג. ער האָט דערביי גאַנץ גוט פאַרשטאַנען, אַז אויב ער וועט זיך איינ־עקשנ־ען און האַלטן די דאָזיקע פאָרלעזונגען נאָר אין העברייאיש, וועט זיין גאַנצע אַרבעט ווערן נאָר אַ רעליגיעזע צערעמאָניע אָן אַ וועלכן עס איז פּראַקטישן ווערט, און דערפאַר האָט ער איינגעפירט די וויכטיקע רעפאָרמע, אַז דאָס פאָרגעלעזענע זאָל איבערזעצט ווערן אין די שפּראַך, וואָס אַלע האָבן פאַרשטאַנען, און דאָס איז דעמאָלס געווען די אַראַמייאישע שפּראַך. ער איז געווען זיכער, אַז ווען דאָס פאָלק וועט דורכגעדרונגען ווערן פון די געדאַנקען פון דער תורה, וואָס זיינען צוערשט פאָרגעלייענט געוואָרן אין דער קלינגענדיקער העברייאישער שפּראַך און דערנאָך דערקלערט געוואָרן אַראַמייאיש, וועט דאָס פאָלק זיך ביסלעכווייז אומקערן צו זיין אַלטער נאַציאָנאַלער שפּראַך. און אונזער געשיכטע באַווייזט אונז, אַז עזרא האָט קיין טעות ניט געהאַט.

דער גרויסער קעמפער פאַר דאָס ווידעראויפלעבן פון דער העברייאישער שפּראַך אין אונזערע צייטן, אליעזר בן־יהודה, איז שטאַרק ניט צופרידן מיט דעם וואָס עזרא האָט געעפנט טיר און טויער פאַר די אַראַמייאישע שפּראַך. ער געפינט, אַז עזרא האָט דאָס ניט געדאַרפט טאָן, ווייל די מאַסע פון פאָלק האָט

יאָ פאַרשטאַנען אידעש, ד. ה. „יהודית". די דאָזיקע השערה זײנע גרינדעט ער אויף דעם פּסוק אין ספר נחמיה.4) וואו עס ווערט געזאָגט, אז די ק י נ ד ע ר האָבן ניט פאַרשטאַנען יהודית, ווײל זײ זײנען געשטאַנען אונטער דעם אײנפלוס פון די פרעמדע מאַמעס. דערפון דרינגט ער, אז די טאַטעס האָבן יאָר פאַרשטאַנען יהודית.

דאס אַרויסקוועטשן אַזאַ סברה פון דעם פּסוק אין נחמיה איז גאַנץ ספק־דיק, ווײל ווען די אידעשע טאַטעס וואָלטן צווישן זיך יאָ גערעט יהודית, וואָלטן די קינדער אויך געמוזט רײדן די שפּראַך, ווײל אין פּראַקטישן און רעליגיעזן לעבן זײנען די קינדער אין ארץ־ישראל געשטאַנען פיל נעהענטער צו די טאַטעס ווי צו די מאַמעס. פון ספר נחמיה ווײסן מיר אויך, אז עזרא האָט הויפּטזאַכלעך געזוכט אײנצואווירקן אויף די עלטערן, און ווען די טאַטעס וואָלטן גערעט יהודית וואָלט עס עזרא'ן מיט זײן גרויסער גײסטיגער מאַכט ניט געווען אַזוי שווער דורכצופירן אז מען זאָל רײדן יהודית אויך אין די הײמען. דערפאַר זעהען מיר אויך, אז די פּעטש, וואָס נחמיה האָט אויסגעטײלט. זײנען געווען פאַר די טאַטעס.5) אין אונזערע צײטן, ווען אַזוי פיל נאַציאָנאַלע שפּראַכן זײנען אויפגעשטאַנען תחית־המתים, ווײסן מיר ווי לײכט עס איז אײנצוואָרצלען די דאָזיקע שפּראַכן אין די הײמען, ווען דאָס פאָלק אַלײן האָט זײן שפּראַך ניט פאַרגעסן. עזרא האָט דורכגעפירט פיל שווערערע זאַכן, און ווען ער האָט די שפּראַך־פראַגעס ניט דורכגעפירט, איז עס געשען ניט דערפאַר, ווײל ער איז ניט געווען, ווי בן־יהודה גלויבט, אַ גענוג שטאַרקער שפּראַך־פּאָליטיקער, נאָר גאַנץ פּשוט צוליב דעם, ווײל ער האָט געהאַט פאַר זיך אַפילו וויכטיגערע אויפגאַבע: אײנצופלאַנצן אין פאָלק די תורה, אָרגאַניזירן דאָס פאָלק אויף גרונד פון די גע

4) נחמיה, פּרק י"ג, פּסוק כ"ד.
5) „ „ „ „ כ"ח.

זעצן פון דער דאָזיכער תורה און איינפירן אַ שטרייגגע סאָציאַלע אָרדענונג און דיסציפּלין. די דאָזיקע אויפגאַבעס האָבן געמוזט דורכגעפירט ווערן אַזוי גיך ווי מעגלעך, און דערפאַר האָט עזרא גענומען דעם קירצערן וועג וואָס האָט גיכער געקאָנט פירן צום ציל: ער האָט גערעט צום פאָלק אין דער שפּראַך וואָס אַלע האָבן געקאָנט פאַרשטיין.

פון ספר נחמיה ווייסן מיר, אַז עזרא פלעגט דערקלערן די תורה אַזוי דייטלעך, אַז יעדערער פלעגט אים קלאָר פאַרשטיין,6) און אַזוי ווי די געדאַנקען פון דער תורה זייגען פאַרבאָרגן ניט נאָר אין די פסוקים, נאָר גאַנץ אָפט אויך אין די ווערטער, קאָן מען פאַרשטיין, אַז ער פלעגט דערקלערן און אויסטייטשן יעדעס וואָרט פון דעם העברייאישן טעקסט. דערמיט האָט עזרא דערגרייכט אַ דאָפּלטן רעזולטאַט: ערשטענס האָט ער געוועקט אין פאָלק אַ טיפע ליבע צו דעם געדאַנקען פון דער תורה און צווייטנס האָט ער ארויסגערופן אַ אינטערעס צו דער אָריגינאַל־שפּראַך פון דער דאָזיקער תורה.

קאַפּיטל ז׳.

עזרא און די כנסת־הגדולה.

אין קאַפּיטל ג׳ האָב איך דערמאָנט וועגן דעם, אַז די אי־ניציאַטיווע צו באַקעמפן די געמישטע חתונות איז ניט ארויסגע־גאַנגען פון עזרא׳ן. די ווייטערדיקע קאַפּיטלען גיבן אונז אַ בע־סערן איינבליק אין די פּסיכאָלאָגיע פון עזרא׳ן און עס ווערט אונז קלאָר, ווי ער האָט פאַרשטאַנען דעם דאָזיקן קאַמף. לויט מיין מיינונג האָט ער אים פאַרשטאַנען אַזוי, אַז ער קאָן דורכגעפירט

6) נחמיה, פרק ח׳, פסוק ח׳.

ווערן און ברייגנען גוטע רעזולטאטן, ווען עס וועלן דערפילט ווערן צוויי וויכטיקע תנאים:

א) ווען דאָס פאָלק וועט דורכגעדרונגען ווערן פון דעם ווערט פון זיין אייגענער קולטור.

ב) ווען די באַוועגונג וועט באַקומען די פאָרם פון א פאָלקס־באַוועגונג און וועט אריינקומען אין די הענט פון מענשן, וועלכע שטייען אין א שטענדיקער באַרירונג מיט דער גרויסער מאַסע און אויף וועלכע מען קאָן זיך פאַרלאָזן, אז זיי וועלן דורכפירן די זאַך ערלעך און ווי עס דאַרף צו זיין.

די דורכפירונג פון דער ערשטער באַדינגונג האָט עזרא גענומען אויף זיך, ווייל זי האָט געהערט צו זיין פאַך. די דורכפירונג פון דער צווייטער באַדינגונג האָט ער איבערגעגעבן אין די הענט פון די „ראשי־האבות לבית־אבותם"1), ד. ה. די פאָרשטייער פון די משפחות, און די דאָזיקע פאָרשטייער האָבן געבילדעט די „כנסת־הגדולה", וואָס איז געוואָרן פון דער גרעסטער באַדייטונג פאַר די שפּעטערע צייט.

אליעזר־בן־יהודה גלויבט, אז די כנסת־הגדולה איז באַשטאַנען הויפּטזאַכלעך פון די זיהן פון די כהנים־גדולים, ער גיט אָבער צו, אז דאָס איז נאָר א השערה, און לויט מיין מיינונג, ניט קיין גאַנץ ריכטיקע, ווייל סיי פון די ספרים עזרא און נחמיה, און סיי פון די תלמודים איז דאס ניט צו זען. רעכט האָט א. ה. ווייס, אז שוין אין די צייט פון עזרא־הסופר מוזן מיר מאַכן א אונטער־שייד צווישן די „אנשי כנסת־הגדולה" און די „סופרים"2), וועלכע האָבן געבילדעט צוויי באַזונדערע אינסטיטוציעס, וואָס זיינען אמת געווען אין א געוויסן מאָס צווישן זיך פאַראייניגט, אָבער זייערע פונקציעס זיינען געווען פאַרשידענע. ווען מיר פאַרטיפן זיך אין די ספרים עזרא און נחמיה און אין די פאַרהעלטענישן פון יענער

---

1) עזרא, פרק י׳, פסוק ט״ז.
2) א. ה. ווייס: דערמאָנטע אַרבעט.

צייט קאָנען מיר זען, אַז אין דער שפּיץ פון די „סופרים" איז געשטאַנען דער פאַכמאַן עזרא־הסופר, און די הויפּטאויפגאַבע פון דער דאָזיקער אינסטיטוציע איז געווען צו דערפאָרשן די געזעצן פון דער תורה; אָבער אין דער שפּיץ פון די „כנסת־הגדולה" איז געשטאַנען נחמיה, דער פּראַקטישער פּאָליטיקער און ענערגישער כלל־טוער, און די אויפגאַבע פון דער דאָזיקער אינסטיטוציע איז געווען פּראַקטיש דורכצופירן די געזעצן, וואָס די „סופרים"־אינסטיטוציע האָט אַרויסגעגעבן. אמת טאַקע, אַז לויט דער טראַדיציע פון דער משנה, האָבן די „אנשי כנסת־הגדולה" באַקומען די תורה אין ירושה דירעקט פון די „זקנים"3), און עזרא׳ס נאָמען ווערט דערביי גאָרניט דערמאָנט; אָבער סיי אין תלמוד־ירושלמי און סיי אין תלמוד־בבלי ווען מיר גאַנץ אומזיסט זוכן וועלכע עס איז טעאָרעטישע תורות פון די „אנשי כנסת־הגדולה"; די עטלעכע ווערטער, וואָס די משנה־טראַדיציע גיט איבער אין זייער נאָמען טראָגן אַ ריין פּראַקטישן כאַראַקטער.

ווען דער תלמוד דערציילט אונז שפּעטער, אַז די „אנשי כנסת־הגדולה" האָבן זיך פאַרנומען מיט דער פאַרפאַסונג אָדער רעדאַקטירונג פון פאַרשידענע ספרים אין תנ"ך4), און זיי האָבן פעסטגעשטעלט ברכות, תפלות, קדושות און הבדלות5) ווערן דערמיט געמיינט די „אנשי כנסת־הגדולה" פון דער שפּעטערער צייט, ווייל מיר דאַרפן ניט פאַרגעסן, אַז די דאָזיקע אינסטיטוציע האָט עקזיסטירט אין אונזער פאָלק אַרום 275 יאָר און אין פאַרלויף פון דער צייט האָבן זיך אירע אויפגאַבעס און פונקציעס געענדערט גאַנץ באַדייטנד; דאָס איז אויך די סיבה דערפון, פאַרוואָס די חכמי־התלמוד פאַרבייטן אָפט די תקנות פון עזרא־הסופר מיט די תקנות פון דער שפּעטערדיקער „כנסת־הגדולה".

לויט דער מיינונג פון תלמוד־ירושלמי איז די כנסת־

3) אבות, פרק א" משנה א".
4) בבא־בתרא־בבלי, דף ט"ו, עמוד א".
5) ברכות־בבלי, דף ל"ג, עמוד א".

הגדולה באשטאַיען פון 85 מיטגלידער[6]. לויט דער מיינונג פון תלמוד־בבלי זיינען זיי געווען 120 מיטגלידער[7]. נחמן קראָכמאַל גלויבט, אַז די מיינונג פון תלמודי־ירושלמי איז די ריכטיגע, ווייל זי שטימט מיט די נעמען פון די 85 פּערזאָנען, וועלכע האָבּן אונטערגעשריבּן דעם באַרימטן היסטאָרישן קאָנ־טראַקט[9]. ווען מיר לייענען דעם דאָזיקן קאָנטראַקט געפינען מיר, אַז בּן־יהודה'ס אויבּנדערמאָנטע מיינונג איז ניט קיין ריכ־טיקע און מיר געפינען, אַז די כּנסת־הגדולה אין איר ערשטער פּעריאָדע איז באַשטאַנען פון 42 כּהנים און פון 42 זקנים, דער פינף־און־אַכציקסטער מיטגליד איז געווען נחמיה אַלס פּאָרזיצענ־דער, ווייל זיין נאָמען ווערט דערמאָנט דער ערשטער, אין דער צייט ווען עזראס נאָמען ווערט גאָרניט דערמאָנט.

צווישן די 85 נעמען אין ספר נחמיה געפינען מיר נאָר צוויי: מלכּיה און משלם, וועלכע ווערן אויך דערמאָנט צווישן די כּהנים, וועלכע האָבּן געהאָלפן עזרא'ן בּיים דערקלערן די תּורה[10], דערפון אָבּער איז ניט געדרונגען, אַז דאָס זיינען איינע און דיזעלבּע פּערזאָנען, ווייל גראַדע אין די ספרים עזרא, נחמיה און דברי־הימים קומען אָפט פאָר פאַרשידענע פּערזאָנען מיט איין און דעמזעלבּן נאָמען.

נאָך דעם דאָזיקן קורצן איבּערבּליק קאָנען מיר זיך פאָר־שטעלן די אַנטשטייאונג פון די צוויי דערמאָנטע אינסטיטוציעס אויף פאָלגענדן אופן:

די „סופרים"־אינסטיטוציע איז אַנטשטאַנען דורך די איני־ציאַטיווע פון עזרא־הסופר, וועלכער האָט אַרומגעקליבּן אַרום זיך די אינטעליגענטעסטע און געלערנסטע כּחות, וועלכע האָבּן זיך

---

6) מגילה־ירושלמי, פּרק א', הלכה ה'.
7) „ ־בבלי, דף י"ז, עמוד ב'.
8) נ. קרוכמאל: «מורה נבוכי־הזמן», תרפ"ד,
9) נחמיה, פּרק י', פּסוקים א'—כ"ה.
10) „ „ ח', פּסוק ד'.

דאָסמאָל זיך געפונען אין ירושלים. די דאָזיקע קאָלעגיע האָט זיך באַשעפטיקט נאָר מיט דער טעאָרעטישער דערפאָרשונג פון דעם געזעץ און איז געווען דאָס, וואָס מען רופט היינט אַ יורידישע פאַקולטעט, וואָס פלעגט אויך האַלטן פּאָפּולאַרע פאָרלעזונגען פאַרן פאָלק.

די „כנסת־הגדולה״־אינסטיטוציע איז אַנטשטאַנען אַלס אַ נאַטירלעכער רעזולטאַט פון דער נאַציאָנאַלער באַוועגונג קעגן די געמישטע חתונות. נאָכדעם ווי דאָס פּראַקטישע לעבן האָט באַוויזן ווי נויטיק די דאָזיקע אינסטיטוציע איז, איז זי גרינדלעך אָרגאַניזירט געוואָרן פון פאַרשידענע פּערזאָנען: אַזעלכע, וועלכע האָבן געשפּילט אַ ראָליע אין רעליגיעזן לעבן און אַזעלכע, וואָס האָבן געהאַט אַ באַדייטונג אין כאַציאַלן לעבן. ביסלעכווייז האָט די דאָזיקע אינסטיטוציע איבערגענומען די וויכטיקע פונקציע פון פּראַקטיש דורכצופירן אַלע געזעצן. אין דער שפּיץ פון דער דאָזיקער אינסטיטוציע האָט זיך געשטעלט נחמיה, און אויף אַזאַ אויפן האָט אונזער פאָלק שוין אין דער צייט פון עזרא־הסופר באַקומען צוויי חיכטיגע אינסטיטוציעס: אַ לעגיסלאַטיווע, וואָס גיט אַרויס געזעצן, און אַ עקזעקוטיווע, וואָס פירט אויס די דאָזיקע געזעצן.

דעם אונטערשייד צווישן די ראָלעס און פונקציע פון עזרא'ן און נחמיה'ן קאָנען מיר שוין זען אין די טיטלען, וואָס דער תנ״ך גיט די דאָזיקע צוויי גרעסטע מענשן פון זייער צייט. עזרא, וועלכער באַשעפטיקט זיך מיט דער אויספאָרשונג פון דער תורה און מיט דער געזעצגעבונג, טראָגט דעם ריין־העבּרעאישן טיטל „סופר״, נחמיה אָבער, וועלכער רעפּרעזענטירט די אָפיציעלע מאַכט, באַקומט אַ טיטל, פון וועלכן מיר ווייסן נאָר, אַז ער פלעגט געברויכט ווערן פון די פּאַשאַס אָדער גענעראַל־גובערנאַטאָרס אין דער פּערסישער מלוכה, וואָס האָט אָבער גאָרניט וואָס צו טאָן מיט דער העבּרעאישער אָדער אַראַמעאישער שפּראַכן און וואָס מיר ווייסן ביז היינט ניט פון וועלכער אָריענטאַלישער שפּראַך דאָס וואָרט שטאַמט; ער הייסט „תרשתא״,

מיט וואָס עס ווערט געמיינט אַ מין „וויצע־קעניג" אָדער „אויבער־קאָמיסאַר" אין אונזערע צייטן.

דאָס וואָס דער תּ נ"ך גיט נחמיה'ן אַ פרעמדן טיטל, גוט קוקנדיק אויף דעם, וואָס ער איז געווען אַ הייסער נאַציאָ־נאַליסט און דער העברייאישער טיטל „נציב" וואָלט אים זייער גוט געפּאַסט, איז זייער כאַראַקטעריסטיש און באַווייזט אונז, אַז אין נחמיה'ן האָט דאָס פאָלק גאַנץ אינסטינקטיוו געשפּירט דעם טרויעריקן פאַקט, אַז די טעאָרעטישע דערפאַרשונג פון געזעץ איז טאַקע ריין־אידעש, אָבער די פּאַקטישע מאַכט ליגט בײַ דער פּערסעשער רעגירונג, וואָס נחמיה איז איר אָפיציעלער פאַרטרע־טער — אַ „תּרשתא".

לויט מיין מיינונג איז דערמיט צו ערקלערן, פאַרוואָס דער תּלמוד, וואָס רעכנט אויס אַלע ספרים אין תּנ"ך פון זיין צייט, דערמאָנט אַפילו מיט איין וואָרט ניט וועגן ספר נחמיה און זאָגט נאָר אַז ער האָט געהאָלפן עזרא'ן ענדיקן „דברי־הימים.[11]

קאַפּיטל ז'.

עזרא און די כּהנים.

פון פאַרשידענע זייטן ווערט עזרא'ן געמאַכט דער פאָר־וואורף פאַר די גרויסע סימפּאַטיעס, וואָס ער האָט געוויזן די כּהנים; מען דערקלערט אים ניט נאָר פאַר דעם איינגעגנטלעכן פאַר־פאַסער פון ספר „ויקרא", וואָס הייסט אין תּלמוד „תּורת־כּהנים" און אין דער וויסנשאַפט — „פּריסטער־קאָדעקס", נאָר מען וויל אויך וויסן, אַז עס איז געווען עזרא, וועלכער האָט אין יודנטום אַריינגעפירט די פאָרשטעלונג פון אַ טעאָקראַטעשער מלוכה; אין וועלכער די כּהנים זיינען די גאַנצע און איינציקע בעלי־בתּים איבערן פאָלק.

ווען מיר לייענען די ספרים עזרא און נחמיה געפינען מיר

11) בבא־בתרא־בבלי, דף ט"ו, עמוד א'.

טאקע, אז דאָרטן ווערט פּיל גערעט וועגן דעם ווי עזרא האָט געזאָרגט פאַר די כּהנים, און לויט דער אויפֿאַסונג פֿון תלמוד זאָל עזרא האָבן באַשטראָפֿט די לווים צוליב די נוצן פֿון די כּהנים(3,2,1).

רבי יונתן און סביא שטרייטן צווישן זיך: רבי יונתן זאָגט, אַז עזרא האָט דערפֿאַר באַשטראָפֿט די לווים און ביי זיי צוגענומען אַ טייל פֿון מעשר, ווייל זיי זיינען ניט מיטגעקומען מיט אים פֿון בבל קיין ארץ-ישראל. סביא ווידער זאָגט, אַז עזרא האָט דאָס געטאָן צוליב דעם, אַז די כּהנים זאָלן האָבן וואָס צו עסן אין דער צייט, ווען זיי זיינען ניט ריין(2). לאָמיר זיך יעצט צוקוקן צו די דאָזיקע צוויי מיינונגען.

ערשטנס מוזן מיר נעמען אין באַטראַכט, אַז לויט דער מיינונג פֿון רבי יהושע-בן-לוי האָבן מיר אין תנ״ך ניט ווייניקער ווי 24 ערטער וואו אויך די כּהנים ווערן אָנגערופֿן „לווים״(2). צווייטנס קאָנען מיר ניט מיטשטימען מיט דער מיינונג פֿון רבי יונתן, ווייל עזרא אַליין איז ניט געווען גאַנץ פּעלערפּריי אין דעם דאָזיקן פּונקט: ווען זרובבל איז געגאַנגען קיין ארץ-ישראל איז עזרא אויך ניט מיטגעגאַנגען; דריטנס ווייסן מיר פֿון ספר עזרא, אַז מיט זרובבל'ן זיינען אַוועקגעגאַנגען קיין ארץ-ישראל פּיל לווים און עס קאָן געמאָלט זיין, אַז אין דער צייט פֿון עזרא'ן זיינען אין בבל איבערהייפּט קיין לווים ניט געווען, און פֿירטנס האָט עזרא'ס רעפֿאָרמע מיט דער מעשר-פֿאַרטיילונג, ווי מיר קאָנען זען פֿון די ספרים עזרא און נחמיה, צו טאָן מיט גאַנץ אַנדערע טעמים. די באַציהונגען פֿון עזרא'ן צו די כּהנים קאָנען מיר פֿאַרשטיין נאָר דאַמאָלס, ווען מיר גיבן אַ קוק אויף די פֿאַרהעלטעניש פֿון יענער צייט און אויף עזרא'ס הויפּטציל: איינפֿלאַנצן די תורה אין פֿאָלק.

לויט דער אַלטער טראַדיציע האָבן די כּהנים געמוזט זיין די היטערס פֿון דער תורה. אַז זיי זיינען עס ניט געווען היינגט

---

1) חולין-בבלי, דף קל״א, עמוד ב׳.
2) ובמות-בבלי, דף פ״ו, עמוד ב
3) כתובות-בבלי, דף כ״ו, עמוד א׳

אָפּ פון סיבות, וואָס זייער דערקלערונג געהערט ניט אַהערצו. קומענדיק קיין ארץ=ישראל האָט זיך עזרא גענומען צו זיין אַרבעט; אָבער ווי משה=רבינו אין זיין צייט אַזוי האָט אויך עזרא=הסופר אין דער שפּעטערדיקער צייט גאַנץ גוט פאַרשטאַנען, אַז ער אַליין קאָן ניט פאַרטיק ווערן מיטן לערנען דאָס פאָלק, נאָר ער מוז האָבן העלפער. און ווער האָט געקאָנט בעסער פּאַסן דערצו, אויב ניט די כהנים? אָבער אום די כהנים זאָלן זיך קאָנען אָפּגעבן זייער אַרבעט מוזן זיי האָבן חיונה, און דאָ איז עזרא געשטאַנען פאַר אַ טרויעריקע דערשיינונג: די כהנים זיינען געווען גרויסע אָרעמעלייט אין דער צייט, ווען די לוים, וועלכע האָבן געלעבט אין דער פּראָווינץ און פלעגן מער אָדער ווייניקער פּונקטלעך באַקומען זייער מעשר, זיינען עקאָנאָמיש געשטאַנען גאַנץ גוט4), און דערפאַר האָט עזרא איינגעפירט אַ וויכטיקע רעפאָרמע אין דער פאַרטיילונג פון מעשר, וואָס איז לויט די פאָרשריפטן פון דער תורה אובערהויפּט ניט געווען גאַנץ קלאָר און נאָך אין דער שפּעטערער צייט האָבן אַזעלכע צוויי גרויסע תלמידי=חכמים ווי רבי עקיבה און רבי אלעזר=בן=עזריה נאָך ניט געהאַט ריכטיק קלאָר פאַר זיך דאָס געזעץ וועגן מעשר.

עזרא האָט איינגעזען, אַז פון די תרומות אַליין קאָנען די אָרעמע כהנים ניט עקזיסטירן, און דערפאַר האָט ער געמאַכט די פאַראָרדנונג, אַז פון דעם מעשר, וואָס מען נעמט פון אַלע תביאות אין גאַנצן לאַנד און וואָס האָט ביז דעמאָלס געוואָנליך געהערט צו די לוים, זאָל מען אָרונטערנעמען אַ צענטן טייל פאַר די כהנים. און אַזוי ווי עזרא האָט גוט געקענט זיינע נאָהענטע קרובים די לוים און האָט זיך ניט געוואָלט פאַרלאָזן אויף זייער יושר, האָט ער אָוועקגעשטעלט כהנים זיי זאָלן קאָנטראָלירן די הכנסות פון מעשר, וואָס זיינען געווען גאַנץ באַדייטנד5).

---

4) גרעץ: דערמאַנטע אַרבעט.
5) נחמיה, פּרק י׳ פּסוק ל״ט.

עזרא האָט גאָרניט געטראַכט וועגן אַ וועלכע ניט איז באַשטראָפונג פון די לוים, נאָר ער האָט אויסגעטייטשט דעם דין פון מעשר אזוי ווי ער האָט אים פאַרשטאַנען, און פאַרשטאַנען האָט ער אים אַזוי ווי די צייט האָט עס געפאָדערט: ער האָט אַריינגעבראַכט אַ אָרדענונג אין די עקאָנאָמישע פאַרהעלטענישן פון די צוויי טיילן אין שבט לוי, די לוים און די כהנים, ווייל ער האָט געוואָלט אויסמיידן, אַז די כהנים אין זיין צייט זאָלן ניט קומען צו דעמזעלביקן מצב ווי פריהער. און געטאָן האָט ער דאָס פאַר די כהנים דערפאַר, ווייל ער האָט זיי געוואָלט אויסנוצן פאַר זיין צוועק: צו לערנען מיטן פאָלק. רייך זיינען די כהנים אויך יעצט ניט געוואָרן, אָבער זיי האָבן געהאַט פון וואָס צו לעבן און זיי האָבן זיך געקאָנט אָפּגעבן דער אַרבעט, וואָס עזרא האָט געפאָדערט. דעריבער זעהען מיר, אַז דאָ איז ניט די פראַגע וועגן שפּעציעלע סימפּאַטיעס צו די כהנים, נאָר, ווי סביא זאָגט גאַנץ ריכטיק, ווען אויך אין אַ ברייטערער מיינונג, וועגן אַ ריינע עקאָנאָמישע פראַגע. דאָס וואָס שפּעטער האָט זיך אויסגעלאָזן גאַנץ אַנדערש און די אמתע לערער און גייסטיקע פירער פון פאָלק זיינען געוואָרן ניט די כהנים, נאָר די סופרים און תנאים, איז ניט דער פעלער פון עזרא-הסופר, נאָר פון סיבות, וואָס זייער דערקלערונג געהערט ניט אהערצו.

ווען מיר האָבן יעצט קלאָר פאַר אונז דעם אייגנטלעכן גרונד פון עזרא׳ס באַציהונגען צו די כהנים, קאָנען מיר זען, אַז די טעאָריע וועגן עזרא׳ס „טעאָקראַטישע" פּלאַנען הינקט שטאַרק אונטער. צי האָט עזרא פאַרפאַסט דעם ספר „ויקרא" איז אַ באַזונדערע פראַגע, אָבער דער וואָס קען תנ״ך וועט גלייך געפינען, אַז עזרא האָט געטראַכט וועגן אַ „טעאָטאָקראַטיע" פּונקט אַזוי ווייניק ווי די נביאים פאַר זיין צייט. ווען עזרא האָט איינגעפירט דעם גאָטעסדינסט נאָך אַלע פּינטעלעך, האָט ער עס ניט געטאָן צוליב וועלכע עס איז טעאָקראַטישע טעמים, נאָר אויף דעם גרונט פון די אַלטע טראַדיציעס פון ערשטן בית=

המקדש און ער האט באטראכט די גאנצע פראגע נאר פון טרא=
דיציאנאל=רעליגיעזן שטאנדפונקט, און דאס קאנען מיר זען דער=
פון, אז דער תלמוד שרייבט צו דער צייט פון עזרא'ן דאס איינ=
פירן פון תפלות, וואס שטרייטן גאנץ שטארק קעגן די אינטער=
רעסן פון די כהנים, ווייל בא תפלות קאן מען זיך באגיין אויך
אן כהנים און לוים. ריכטיקע תפלות געפינען מיר אין תנ"ך
ערשט אין דער פעריאדע פון עזרא=נחמיה, און ווען די מיינונג
פון תלמוד איז ניט היסטאריש ריכטיק אין אלע פונקטן, האט זי
דאך א גוטן היסטארישן גרונט פאר זיך. דער בעסטער היסטא=
רישער באווייז, אז די טעאריע פון עזרא'ס „טעאקראטישע" טענ=
דענציעס איז א גאנץ פאלשע האבן מיר אין דעם היסטארישן
פאקט, אז פון די אויבן דערמאנטע צוויי אינסטיטוציעס, וואס זיי=
נען אנטשטאנען אין עזרא=הסופר'ס צייט האט זיך שפעטער
אנטוויקלט ניט קיין ממשלת=כהנים. נאר די סנהדרין=גדולה, וואס
איז אין גאנצן געלעגן אין די הענט פון די סופרים און תנאים
און אין וועלכער ניט נאר די כהנים אלס כהנים, נאר אפילו די
מלכים פון „בית=חשמונאים" האבן געהאט א גאנץ קליינע דעה
צו זאגן. דאס וואס אין דער שפעטערער צייט זיינען די כהנים=
גדולים געקומען צו א גרויסער מאכט איז א פאל, וואס האט
גארניט צו טאן מיט עזרא'ס טעאקראטישע געדאנקען, וועלכע
ער האט קיינמאל ניט געהאט, נאר מיט גאנץ אנדערע הי=
סטארישע סיבות, וואס זיינען גאנץ גוט באקאנט יעדען, וועל=
כער קען די אידישע געשיכטע.

קאפיטל ח'.

עזרא'ס אנדערע תקנות.

ווי מיר האבן געזען פון קאפיטל ד" איז עס נאר דער
תלמוד וואס דערציילט אונז וועגן עזרא=הסופר'ס שריפט=רע=
פארמע, און די וויסענשאפטלעכע פארשונג גיט צו, אז די מיי=

נונג פון רבי יוסי איז א ריכטיקע. אויסערדעם ווערן פון תלמוד צוגעשריבן עזרא'ן נאך פיל אנדערע תקנות. אייניקע פארשער גלויבן, אז די איבעריקע תקנות, וועגן וועלכע דער תלמוד רעט, קאנען טאקע זיין גאנץ אלטע, אבער עזרא האט מיט זיי גארניט וואס צו טאן. מיט אזא מיינונג אבער מוזן מיר זיין גאנץ פארזיכטיק און ווען מיר ווילן אונז יא אפגעבן א חשבון וועגן דעם, וועלכע תקנות קאנען יא צוגעשריבן ווערן עזרא'ן, מוזן מיר זיי נעמען אין צוזאמענהאנג מיט דער גאנצער פעריאדע.

ווען מיר האלטן אונז צו דער ארדענונג, אין וועלכער די מסכתות פון תלמוד ליגן היינט פאר אונז, איז די ערשטע רע־פארמע, וואס ווערט צוגעשריבן עזרא'ן, די, אז פון זיין צייט אן האט דער חדש אלול באקומען 29 טעג אנשטאט דעם, וואס פריער פלעגט ער האבן אמאל 29 און א מאל 30 טעג. דאס איז די מיינונג פון רבי חנינא־בר־כהנא אין נאמען פון רב (1,2). יעצט איז די פראגע צי האט עזרא געקאנט האבן צו טאן מיט דער רעפארמע פון לוח?

פון תנ"ך ווייסן מיר, אז אין דער צייט פאר דעם גלות־בבל האט דער אידעשער לוח געהאט נאר פיר נעמען פאר חדשים: אביב, זו, אתנים און בול. אביב קומט פאר אין דער תורה שוין אין צוזאמענהאנג מיט דער טראדיציע פון יציאת־מצרים; די לעצטע דריי חדשים־נעמען — נאר אין צוזאמענהאנג מיט דער צייט פון שלמה־המלך. אין דער עזרא־פעריאדע געפינען מיר אין תנ"ך זעקס נייע נעמען פון חדשים: שבט און כסלו (אין ספר זכריה), טבת, אדר, ניסן און סיון (אין ספר אסתר), וועלכע האבן גארניט וואס צו טאן מיט די פריהערדיקע. אלע צוועלף נעמען פון דעם אידעשן לוח זיינען געקומען נאך דעם גלות־בבל

---

1) ביצה־בבלי, דף ו', עמוד א'
2) ראש־השנה־בבלי, דף י"ט, עמוד ב'.

און זיי זיינען אסיריש-באבילאניש-אראמייאיש.[8] דער ראש-השנה, וואס ווערט אין תנ"ך מיט דעם דאזיקן נאמען זיינעם איבער-הויפט ניט דערמאנט, איז אויך איינגעפירט געווארן אין דער-זעלביקער פעריאדע, און דאריבער איז עס אויך ניט גאנץ אונ-מעגלעך, אז שוין עזרא האט זיך אינטערעסירט פאר די וויכטיקע לוח-רעפארמע.

די צווייטע תקנה איז, אז עזרא האט איינגעפירט מען זאל לייענען די קללות פון תורת-כהנים, ד. ה. די תוכחה פון ספר ויקרא[4]) קורץ פאר שבועות, און די קללות פון דער משנה-תורה. ד. ה. די תוכחה פון ספר דברים[5]), קורץ פאר ראש-השנה.[6]) לויט מיין מיינונג זיינען די ווערטער פון רבי שמעון-בן-אליעזר, וועלכער רעט וועגן די דאזיקע תקנה, צו פארשטיין אזוי, אז עזרא האט פעסטגעשטעלט נאך וועלכן שבת זאל אויסקומען שבועות און נאך וועלכן שבת—ראש-השנה. דאס וואס דער תנא נעמט אזא מין מאדנע באצייכענונג ווי די צוויי תוכחות איז צו דערקלערן דערמיט, ווייל זיי מאכן ביידע א שטארקן איינדרוק אויף די מאסע פון פאלק און ווערן פארגעלייענט פאר שבועות, וואס איז, לויט דער טראדיציע, פארבונדן מיט דעם מאמענט פון מתן-תורה, און פאר ראש-השנה, וואס האט ערשט ביים בית-שני באקומען זיין אמת-ע רעליגיעזע באדייטונג. עזרא אבער האט מיט דער תוכחה-באצייכנונג גארניט וואס צו טאן.

ווייטער ווערן עזרא'ן צוגעשריבן פאלגענדע 10 תקנות:

א) קריאת-התורה שבת צו מנחה,

ב) קריאת-התורה מאנטיק און דאנערשטיק.

ג) דער בית-דין זאל זיצן מאנטיק און דאנערשטיק.

---

8) א. זארזאוווסקי: „שמות החדשים הכנענים".
4) ויקרא, פרק כ"ו, פסוק י"ד—מ"א.
5) דברים, פרק, כ"ח, פסוק ט"ו—ס"ח.
6) מגילה-בבלי, דף ל"א, עמוד ב".

ד) אז דאָנערשטיק זאָל מען שוין וואַשן די קליידער לכבוד שבת.

ה) אז מען זאָל עסן קנאָבל ערב־שבת.

ו) אז די הויזפרוי זאָל גאַנץ פרי באַקן ברויט, אום מען זאָל אין דער צייט געבן ברויט ארעמעלייט.

ז) אז די פרויען זאָלן צוליב צניעות טראָגן א „סינור", ד. ה. א מין גאַרטל אָדער פאַרטעך;

ח) אז די פרוי זאָל גרינדלעך ריין מאַכן איר האָר איידער זי גייט אין מקוה.

ט) אז די גאַלאַנטעריע־הענדלער זאָלן באַזוכן אויך שטעט, אום די פרויען זאָלן קאָנען זיך קויפן צירונג.

י) אז א בעל־קרי (פאָלוציע) זאָל זיך טובל זיין.7)

צוליב געוויסע טעמים, וואָס דער לעזער קאָן לייכט פאַר־שטיין, וויל איך מיך ניט ארײנלאָזן דאָ אין די באַהאַנדלונג פון אלע די דאָזיקע תקנות; אָבער ווען מיר לייענען זיי מיט דעם באַסשטאַב פון דער געשיכטע געפינען מיר, אז נאָר די ערשטע דריי קאָנען האָבן א וועלכע עס איז שייכות צו עזרא'ס פעריאָדע. צי איז דאָס טאַקע געווען עזרא, וועלכער האָט איינגעפירט קריאת־התורה שבת צו מנחה, מאָנטיק און דאָנערשטיק, איז א פראַגע פאַר זיך, אָבער אז די מיינונג פון הלמוד וועגן די דאָזיקע צוויי תקנות האָט א היסטאָרישן גרונט פאַר זיך, קאָנען מיר זען פון די פריערדיקע קאַפיטלען.

נאָך מער לייגט עס זיך אויפן שכל, אז די דריטע תקנה האָט צו טאָן מיט דער עפּאָכע פון עזרא'ן. דער תלמוד דער־ציילט אונז אין אַן אנדער אָרט, אז אין דער צייט פון בית־ראשון זיינען די בתי־דינים, ד. ה. די געריכטס־הויפן געווען אָפן יעדן טאָג, עזרא אָבער האָט איינגעפירט זיי זאָלן זיין אָפן נאָר

---

7) בבא-קמא, דף פ"ב, עמוד א'.

צוויי טעג אין וואָך8). פון דעם תנ״ך ווייסן מיר, אַז אין דער צייט ווען בײַ אידן זיינען קיין מלכים נאָך ניט געווען, זיינען די בתי־דינים באַשטאַנען פון פריוואַטיקע מענשן, הויפּטזאַכלעך פון די עלטעסטע און קליגסטע אין יעדער אָרט (זקני־העיר), וועלכע האָבן געהאַט פּראַקטישע קענטעניש פון לעבן און געוואוסט אַלע מנהגים און טראַדיציעס. די דאָזיקע „שופטי־העיר״ פלעגן קיין שכירות ניט באַקומען, און ווי מען קאָן זען פון אייניקע ערטער אין תנ״ך פלעגן זיי געוויינלעך צוזאַמענקומען נאָר ווען עס איז געווען נויטיק, ווייל דאָס זיינען געווען פּריוואַטע מענשן, וועלכע האָבן אויך געהאַט אַנדערע דאגות.

אין דער צייט פון די מלכים זיינען איינגעפירט געוואָרן אָפּיציעלע שופטים, וועלכע זיינען געשטאַנען אונטער דעם שוץ פון די מלכים און זיינען באַטראַכט געוואָרן פאַר זייערע דינער. און וואָס דאָס זיינען געווען פאַר שופטים קאָנען מיר זען פון די נביאים אונזערע, וועלכע רופן אָן די דאָזיקע שופטים מיט די שרעקלעכסטע נעמען. ווען אונזער גרעסטער נביא ישעיהו רעט וועגן די גליקלעכע צייט, וואָס וועט ווידער קומען פאַר אונזער פאָלק, דריקט ער אויס די האָפענונג, אַז עס וועלן ווידער זיין די שופטים ווי אין די אַמאָליקע צייטן9).

קומענדיק צוריק פון בבל האָט עזרא זיך געהיט דערפאַר, אַז עס זאָלן ווידער איינגעפירט ווערן די באַצאָלטע שופטים. די פאַרהעלטענעשן פון זיין צייט האָבן אים מעגלעך געמאַכט איינצופירן די צוויי וויכטיקע אינסטיטוציעס, וועגן וועלכע איך האָב גערעט אין קאַפּיטל ו׳. ווען אין בײדע קאָלעגיעס זיינען אויך געזעסן כהנים, וועלכע האָבן געלעבט פון תרומה־אָפּגאָבן, מעשר א. א. וו., זיינען דאָרטן אָבער אויך געזעסן מענשן, וועלכע זיינען עקאָנאָמיש געווען אין גאַנצן אומאָפּהענגיק פון פאָלק, און האָבן

---

8) כתובות־בבלי, דף ג׳. עמוד א׳.
9) ישעיהו, פרק א׳, פסוק כ״ו.

אויך געהאט זייערע פריוואטע באשעפטיגונגען, און דערפאר האט מען פון זיי ניט געקאנט פאדערן, אז זיי זאלן זיצן אין בית־דין א גאנצע וואך. עס לייגט זיך דערפאר אויפן שכל, אז זיי פלעגן טאקע זיצן נאר א פאר מאל א וואך. אויב די דאזיקע טעג זיינען געווען דוקא מאנטיק און דאנערשטיק, איז דערביי ניט אזוי וויכטיק, אבער די מיינונג פון תלמוד האט א גוטן היסטארעשן גרונט פאר זיך.

דער תלמוד דערציילט אונז ווייטער, אז עזרא האט איינגעפירט, אז ביים שרייבן א ספר־תורה זאלן זיצן צוויי סופרים אום אופצופאסן, אז מען זאל ניט מאכן קיין טעות'ן(10). אויב די דאזיקע מיינונג פון „אמר מר“ איז כראנאלאגיש ריכטיק, איז א גרויסע קשיא, אבער אז זי הייגנט צוזאמען מיט דער היסטארישער אויפגאבע פון עזרא'ס ארבעט, איז א קלארע זאך.

קאפיטל ט״.

עזרא'ס ליטעראטור־ארבט.

וועגן די ליטעראטור־ארבעט פון עזרא'ן הערשן אין דער ביבלקריטיק פארשידענע מיינונגען. איניקע זאגן, אז ער האט רעדאקטירט און איבערגעארבעט די גאנצע תורה; אנדערע זאגן, אז ער האט אליין פארפאסט דעם ספר ויקרא. לויט דער מיינונג פון שטיינשניידער איז ביז דער צייט פון עזרא'ן ביי אידן איבערהויפט ניט געווען א וועלכע עס איז ליטעראטור(1). לויט דער מיינונג פון תלמוד האט עזרא געשריבן דער ספר, וואס טראגט זיין נאמען און דעם ספר דברי־הימים ביז זיין צייט (עד לו)(2).

וועגן דעם ספר עזרא זיינען די מיינונגען אויך פארשידן:

---

10) בבא־בתרא־בבלי, דף פ״א, עמוד ב׳.
1) שטיינשניידער, מ.: ״ספרות ישראל״ 1897.
2) בבא־בתרא־בבלי, דף ט״ו עמוד א׳.

איינִיקע גלויבן, אַז עזרא האָט געשריבן נאָר די פּרקים, וואו ער רעט אין דער ערשטער פּערזאָן. אַנדערע ווידער זאָגן, אַז דער ספר עזרא איז געשריבן געוואָרן שפּעטער אויף גרונט פון ווײַ־ניקסטענס צוויי עלטערע שריפטן: אַ העברעיִשע און אַראַמײַ־אישע. פאַר אונז איז וויכטיקער די פראַגע וועגן עזרא׳ס באַציהונג צו דער תּורה, און דאָ קומען מיר צו זייער אַ אינטערעסאַנטן אָרט אין תּלמוד.

ריש־לקיש זאָגט, אַז די תּורה איז „געגרינדעט" געוואָרן ניט ווייניקער ווי פיר מאָל3). ווער עס האָט זי געגרינדעט דאָס ער־שטע מאָל, זאָגט ריש־לקיש גאָרניט, ווײַל בײַ אים איז קיין ספק ניט געווען, אַז עס איז געווען משה־רבנו. דאָס צווייטע מאָל איז עס געווען ע ז ר א ה ס ו פ ר, דאָס דריטע מאָל — הלל־הנשיא און דאָס פירטע מאָל — רבּי חייא און זיינע זיהן. יעדערער פון די דאָזיקע פּערזאָנען האָט „געגרינדעט" די תּורה, ווײַל זי איז געווען פאַרגעסן געוואָרן. דער רבּי חייא, וועגן וועלכן ריש־לקיש רעט, איז דער תּלמיד פון רבּי יהודה־הנשיא.

כאַראַקטעריסטיש פאַר די מיינונג פון ריש־לקיש איז וואָס ער זאָגט ניט „כּתבה", ד. ה. „זי געשריבן", נאָר „יסדה" ד. ה. „געגרינדעט" און וואָס מען מיינט מיט גרינדן דאַרף איך ניט פאַרטייטשן. מיט די דאָזיקע ווערטער פון ריש־לקיש מוזן מיר אָבער זיין אַביסל פאָרזיכטיק, ווײַל מיר זעהען, אַז ווײַ־ניקסטענס וואָס באַטרעפט הלל־הנשיא און רבּי־חייא איבערטרײַבט ער גאַנץ שטאַרק. אין תּלמוד ווערט געבראַכט אַ געשפּרעך צווישן רבּי חייא און רבּי חנינא: „ווען רבּי חנינא און רבּי חייא האָבן זיך צואַמפּערט, האָט רבּי חנינא אויסגערופן צו־היצט: דו שטרייטסט מיט מיר, וועלכער וואָלט מיט זיין פּלפּול געקאָנט צוריקערן די תּורה ווען זי וואָלט פ אַ ר ג ע ס ן גע־וואָרן! האָט זיך אָפּגערופן רבּי חייא: און איך מאַך אַז די

---

3) סוכות־בבלי, דף כ׳, עמוד א׳.

תורה זאָל איבערהויפּט נים פאַרגעסן ווערן!"[4]). פון דעם דאָזיקן געשפּרעך זעהען מיר קלאָר, אַז ערשטנס איז די תורה אין דער צייט פון רבי חייא נים פאַרגעסן געוואָרן, און צווייטנס האַנדלט זיך דאָ נים וועגן די תורה־שבכתב, נאָר וועגן די תורה שבעל־פה, ווייל פון דעמזעלביקן אָרט אין דער גמרא ווייסן מיר, אַז רבי חייא פלעגט לערנען מיט קינדער די משנה פון זיין גרויסן רבי'ן, רבי יהודה־הנשיא.

אַז די תורה איז פאַרגעסן געוואָרן אין דער צייט פון הלל־הנשיא איז אויך אַ גוזמא, ווייל אין דער צייט האָט עקזיסטירט די סנהדרין־גדולה, וואו הלל איז שפּעטער געוואָרן פאָרזיצענדער און געקראָגן דעם הויכן טיטל „נשיא". אויך דאָ מיינט נים ריש־לקיש די תורה־שבכתב, נאָר געוויסע דינים און מנהגים ביים ברייננען דעם קרבן פסח אום שבת[5]). ריכטיק איז די מיינונג פון ריש־לקיש נאָר וועגן עזרא־הסופר, ווייל פון תנ"ך אַליין ווייסן מיר, אַז פאַר זיין צייט איז די תורה אָפּט פאַרגעסן געוואָרן.

די איינציקע פערזאָנען, וועלכע האָבן אין דער צייט פאַר עזרא געקאָנט און געקענט די תורה זיינען געווען די נביאים, אָבער ווען מיר עפענען זייערע ספרים געפינען מיר אַז זיי באַרירן זייער זעלטן די דינים פון דער תורה און זיי ריידן מער וועגן מוסר. אין דער צייט פון עזרא'ן איז עס געווען נאָר אַ גאַנץ קליינע גרופּע מענטשן (עזרא וסיעתו) וועלכע האָבן געקאָנט די תורה, וואָס איז געווען געשריבן אין דער אַלט־העברייאישער שריפט און איז געווען גאַנץ שטאַרק פאַרגרייזט. קומענדיק קיין ארץ־ישראל האָט עזרא גענומען איינפירן די תורה אין איר נייער שריפט און נייער רעדאַקציע, און דערפאַר האָט ריש־לקיש טאַקע רעכט ווען

---

4) כתובות־בבלי, דף ק"ג, עמוד ב".
5) פסחים־בבלי, דף ס"ו, עמוד א".

ער זאָגט, אַז עזרא האָט „געגרינדעט די תורה״ און דאָ מיינט ער טאַקע די תורה=שבכתב.

די גרויסע אַרבעט אויסצובעסערן און רעדאַקטירן דעם טעקסט פון דער תורה איז די וויכטיקסטע ליטעראַטור=אַרבעט פון עזרא=הסופר און מיר מוזן צוגעבן אַז דאָס איז זייער פיל, ווייל דערמיט האָט ער געלייגט דעם גרונט צו דער גאַנצער תנ״ך=ליטעראַטור און דערפאַר קאָנען מיר אים באַטראַכטן פאַר דעם פאָטער פון דער העברייאישער ליטעראַטור אין ריכטיקן זינען פון וואָרט.

ציטירטע ליטעראטור:

א) תנ״ך.

1) בראשית
2) דברים
3) דברי־הימים—ב״
4) דניאל
5) ויקרא
6) זכריה
7) ישעיהו
8) מלאכי
9) מלכים—ב״
10) משלי
11) נחמיה
12) עזרא
13) שמות
14) תהלים.

ב) תלמוד־בבלי.

א) משנה.

15) אבות
16) אבות דרבי־נתן
17) פרה.

ב) גמרא.

18) בבא־בתרא
19) בבא־קמא
20) ביצה
21) ברכות
22) זבחים
23) חולין
24) יבמות
25) יומא
26) כתובות
27) מגילה
28) מנחות
29) סוכות
30) סנהדרין
31) פסחים
32) קידושין
33) ראש־השנה.

ג) תלמוד־ירושלמי:

34) מגילה.

ד) מדרשים:

35) בראשית־רבה
36) במדבר־רבה
37) קהלת־רבה
38) שיר־השירים רבה

ה) אנדערע ליטעראטור:

39) אליעזר בן־יהודה: „עד אימתי דברו־עברית״.
40) גרעץ: „געשיכטע דער יודען״ II (דייטש).
41) ווייס, א. ה.: „דור, דור ודורשיו״ I.
42) זכות, א.: „ספר יוחסין השלם״.
43) זרזובסקי, א.: „שמות החדשים הכנענים״.
44) יעקב לוי: „אוצר לשון התלמודים והמדרשים״.
45) קלויזנר, י: „הרעיון המשיחי בישראל״.
46) קרוכמאל, נ.: „מורה נבוכי הזמן״.
47) שטיינשניידער, מ.: „ספרות ישראל״.